היינטיגער נומער האלט 12 זייטען.

№ 132

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

פרייז 35 גראשען

Lodzer Tageblat

לאָדזשער טאָגעבלאַט

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: פּיעטריקאָווער 16.
טעלעפאָנען פון: רעדאַקציע 57, פון אַדמיניסטראַציע 47.

פרייטאָג, כ"ח אייר תרפ"ט. | 7 czerwca 1929 r. | 22-טער יאַהרגאַנג.

העלענאָוו

זונטאג, דעם 9-טען יוני 1929, 2 אַ זייגער נאכמיטאג קומט פאר

א גרויסע

גאַרטען-פּערוויילונג

פון

„לינת החולים"

טויט-שפּרינג פון אַ טורם איבערן פייער איז וואַסער אַרייז. אויסגעפיהרט פון פארל מאַלאַרטשיק. — לופט-איבונגען איבערן וואַסער אויסגעפיהרט פון ה' מאַלאַרטשיק.

פאַנטאָווע לאָטעריע, זעהר פיל ווערט-פולע געווינסען — 2 אַרקעסטערס, פייערווערק, קאַנפעטי. יעדעס קינד בעקומט אַ אומזיסטע כתנה ביים אַריינגאַנג ווערטפולע פאַנטען

איינגאַנג פאַר ערוואַקסענע 1.50 זל., פאַר שילער און קינדער 50 גראָשען. — געניוערס אין די פראָגראַמען. — ביים שלעכטען וועטער קומט די פערוויילונג פאַר דעם 23-טען יוני ה. י.

ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין לאָדז.

מאָנטאג, דעם 10. יוני 8.30 אָוונט ווערט איינגעאָרדנט אין „ספּלענדיד"

קינא-טעאַטער „ספּלענדיד" נאַרוטאָוויטשאַ-גאַס 20.

א פייערליכע אַקאַדעמיע

מיט רעדעס פון די רעדנער: פּראָפ. ז. בראַדעצקי, מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין לאָנדאָן און ה' קורט בלומענפעלד, פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעראייניגונג אין דייטשלאַנד און וויצע-פּרעזידענט פון ציוניסטישען אַקציאָנס-קאָמיטעט. — בילעטען שוין צו בעקומען אין ציוניסטישען ביוראָ, (צעגעלניאַנע 4).

בעקאַנטמאַכונג.

איך מאַך בעקאַנט, אַז איך בעזיץ א גרויסען אויסוואַהל פון ראַמען און בילדער צו זעהר ביליגע פּרייזען ווי אויך אויף ראַטעס. פון איין זלאָטע א וואָך און אלע בעשטעלונגען ווערען אויסגעפיהרט אין משך פון 24 שעה. פון פרעהליך אין ערבען טאָג. מיין פּראַצאָווניע איז אָפען יעדע טאָג פון 9 פריה ביז 11 אָוונד אויסער שבת

עליאַש בערקענפעלד,

לאָדז, וואָלבאָרסקא נר' 25 פּראָנט פּאַרטער.

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז פון אונז אוועקגעריסען געוואָרען אין עלטער פון 4 יאָהר אונזער הייסגעליבט און אונפערגעסליך טעכטערל

נ"ע

גיטעלע בת ר' יעקב **רובין** הערש נ"י

די לוי' איז פאָרגעקומען נעכטען דאַנערשטאָג פון סאַנאַטאָריום „אוניטאַס". פּוסטאַ 19, וועגען וואָס מיר טיילען מיט אין גרויס צער

די נישט-טרייסטבאַרע עלטערן און פאַמיליע

מיטוואָך, דעם 13 ד. ח. 12 א זייגער מיטאָג צו דער ערשטער שמערצליכער יאָהרצייט פון אונזער אונפערגעסליכען: מאַן און פאָטער

נ"ע **מאיר שלמה טינטפּולווער**

ועט אויפ'ן בית-החיים אָפגעריכט ווערען א הזכרה און גלייכצייטיג געשטעלט ווערען א מצבה, צו וועלכער עס לאַדעט איין קרובים, פריינד און בעקאַנטע

די פאַמיליע

לאַנגיעהריגער פּענסיאָנאַט

— דער —

פון ש. לייפער אין ווישניאָווע-גורא איז איבערגעטראָגען געוואָרען אין דער ווילא וו. יאַניצקי ביים וואַלד, הויכע זוניגע צימערן, גוטע בעדינונג, שמאַקפולע כשר'ע קוך. געניוערעס צו ערפאַהרען אין פּראַצאָווניע פון קאַלדרעס, פּעטריקאָווער 71, אָדער אויפ'ן אָרט.

Dr. B. KNICHOWIECKI

POWRÓCIŁ

i ordynuje w chorobach dzieci od $3^1/_2$—5 p.p.

Sienkiewicza 61, I p. fr. Tel. 10-20

אַכטונג! ערשטקלאַסיגע קאָנדיטאַריי אַכטונג!

א. ג. „אַטלאַנטיק"

פּיעטריקאָווער 48, טעל. 62-11

ווערט געעפענט, דינסטאָג, דעם 11-טען יוני 4 א זייגער נאָכמיטאָג.
גוטע בעהאַנדלונג. — פּינקטליכע בעדינונג.

לייטונג: פ. נייפעלד.

הננו משתתפים בצערו של מר **דוב קאפּעלוש** למות בנו חברנו היקר

נ"ע **אברהם**

השוכן במרומים ינחמהו בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

תלמידי המחלקה הרביעית
של החדר „דרכי נעם"

זונטאַג, ד. 9 יוני 12 א זייגער פאַרמיטאָג צו דער ערשטער שמערצליכער יאָהרצייט פון אונזער אונפערגעסליכער און טייערער: פרוי, מוטער און גרויסמוטער נ"ע

מרים אשת ר' מרדכי נ"י **בּרעסקין**

קומט פאַר אויפ'ן — בית-החיים — **אַ הזכרה** און גלייכצייטיג וועט געשטעלט ווערען **אַ מצבה** צו וועלכער עס ווערען געבעטען צו קומען אלע פריינד פערוואַנדטע און בעקאַנטע

די פאַמיליע.

זונטאַג, דעם 9. ד. ח. 10 אזייגער פריה וועט געשטעלט ווערען א מצבה נאָך מיין ליבען מאַן, אונזער טייערען פאָטער, גרויספאָטער, שוויגערפאָטער ברידער און אָנקעל

נ"ע

יהושע טרוּיבּע

ב"ר מרדכי שמשון

צו וועלכער אלע קרובים פריינד און בעקאַנטע ווערען געבעטען צו קומען.

פרוי, קינדער און פאַמיליע

לאָדזער קרעדיט-באַנק ביים קליינהענדלער-פעראיין

פּיעטריקאָווער 6

מאַכט בעקאַנט די מיטגלידער, אַז עס ווערען שוין ארויסגעגעבען

הלוואות און געמאַכט דיסקאַנטעס

עס ווערען אויך ערלעדיגט אלערליי באַנק-אָפּעראַציעס, וועקסלען אויף אינקאַסאָ ווערען אָנגענומען אויף אלע שטעט און שטעטלעך.

בעמערקונג: פון זונטאַג, דעם 9. יוני פון 4—6 אין אָוונד ווערען אָנגענומען איינשרייבונגען אויף ארויסצוגעבען הלוואות.

די פערוואַלטונג.

Dr. L. PIKIELNY

ספּעציאַל-אַרצט פאַר נירען, בלאָזען, אורין-קראַנקהייטען

Nawrot 8, telefon 19-90

נעהמט אָן פון 4 — 7 אין אָוונד ווי אויך אין דער לעטשניצע „Zdrowie" נאַוואָמיעסקא 3 פון $12^1/_2$—2.

Dr. med. A. Mazur

ספּעציעל-אַרצט פאַר אויערן, נאָז און האַלז-קראַנק ווי אויך שטום און שפּראַך-פעהלער

וּסכאָדניאַ 65

איינגאַנג אויך דורך פּיעטריק. 46) טעל. 66-01

צוריקגעקעהרט

Dr. med. J. LUBICZ

ORTOPEDA

גדאַנסקאַ 28, טעל. 41-46

ספּעציאַליסט פון ביינער און געלענקע-קראַנקהייטען
:—: פּערקרימונגען פון פליצעס און גלידער. :—:

אייגענע פּראַצאָווניע

פון זעמטליכע אָרטאָפּעדישע אַפּאַראַטען: ווי וקלאַדקעס נעגען פלאַטפוס, קינסטליכע פיס, אָרטאָפּעדישע גאָרסעטען א. ז. וו. נעמט אָן פון 5—7

א וועקסעל אויף 190 זל.

מיט א נאָטיץ-ביכעל איז געפונען געוואָרען. אָפּצונעמען געגען סמנים און אָנאָנס-קאָסטען אין אַדמיניסטראַציע פון „לאָדזער טאָגעבלאַט".

לויהן=וועבעריי

איך נעם אָן צום וועבען אין לויהן אויף קאַרד-שטוהל צו קאָנקורענץ-פרייזען.

Erwin Fritz, Zgierz,
Piłsudskiego 73.

Dr. med.

Roman Bornstein

Ciechocinek willa Ormuzd

ד"ר מ. קאַליש

צאָהן-אַרצט

זש עראָמסקיעגאָ (פּאַנסקאַ) 37

נעמט אָן פון 1—2 נאָכמ. און פון 7 ביז 8 אָוונד
זונטאָג און חגא פון 12 ביז 2 נאָכמ.

זונטאַג ד. 9 יוני, 7 א זייגער אָוונד קומט פאַר אין לאָקאַל פון „בנות אגודת ישראל" זאַכאָדניאַ 66

אַ פערזאַמלונג

אויף וועלכער עס וועט אָבגעגעבען ווערען א בעריכט פון דער לעצטער לאַנדעס-קאָנפערענץ.

— איינגאַנג פריי. —

דער צענטראַלער האַנדווערקער-פערבאַנד פאַלודניאָווע 4

אָרגאַניזירט אין פערשטענדיגונג מיט דער דירעקציע פון דער לאַנד-אויסשטעלונג

א גרופען-אויספלוג נאָך פּויזען

אין די טעג פון 21. 22 און 23 טשערוויעץ.

מיטגלידער און פאַמיליען-אַנגעהעריגע קענען זיך רעגיסטרירען טעגליך פון 6—9 אָוונד ביז דעם 15-טען דעם חודש.

בעמערקונג: די גרופע גענייסט פון פערשידענע הנחות.

מעטאַל-מייסטער-סעקציע ביים צענטראַלען האַנדווערקער-פערבאַנד פאַלודניאָווא 4.

אלע מיטגלידער ווערען אויפגעפאָדערט צו קומען אויף דער

פערזאַמלונג

וועלכע קומט פאַר זונטאַג דעם 9-טען יוני 7 א זייגער אָוונד וועגען דרינגענדע פראַגען וועגען צעך. מיט אַכטונג די פערוואַלטונג.

ווינער אָרטאָפּעדישע פּראַצאָווניע

— אונטער אויפזיכט פון א דאָקטאָר ספּעציאַליסט — מאַכט לויט גיפּס-מאָדעלען וקלאַדקעס געגען פלאַט-פיס קינסטליכע פיס, אָרטאָפּעדישע גאָרסעטען און אַפּאַראַטען א. ז. וו. גדאַנסקאַ 28 וו. 1 פון 5—7 אָוונד.

Dr. A. KRYNSKI

תאוינט איצט שיענקעוויטשאַ 34

טעלעפאָן 46-10

נעמט אָן פון 5 נאָכמיטאָג ביז 7 אין אָוונד

זיך אנגעהויבען די יוני-סעסיע פון דער פעלקער-ליגע אין מאדריד

ליטווישע רעוואלוציאנערן דערשאסן דעם, וואס האט אויסגעגעבן דעם אטענטעטער אויף וואלדעמאראס'ען

זיך אנגעהויבען די יוני-סעסיע פון דער פעלקער-ליגע אין מאדריד

מאדריד, (ספ) היינט איז פארגעקומען א זיצונג פון דער מינדערהייטס-קאמיסיע. אויף דער זיצונג איז אפגעגעבען געווארען א בעריכט פון דער „קאמיסיע פון 8". די זיצונג איז געווען א געהיימע. היינט איז אויך אהער אנגעקומען דער פוילישער אויסערן-מיניסטער זאלעסקי.

ליטווישע רעוואלוציאנערען דערשאסען דעם, וואס האט אויסגעגעבען דעם אטענטעטער אויף וואלדעמאראס'ען

קאונא, (ספ.) נעכטען איז דא פון א רעוואלווער-שאס דערשאסען געווארען לעוויסקי באסאנאוויטש. דער ערמארדעטער האט נאכ'ן אטענטאט אויף וואלדעמאראס'ן אויסגעגעבען דעם סטודענט וואזיליוש און האט דערפאר בעקומען די פרעמיע 50 טויזענד ליט, וואס איז בעשטימט געווארען פאר ענטדעקען דעם אנפאלער אויף וואלדעמאראס'ען. מ'איז דעריבער זיכער, אז מ'האט דא צו טון מיט א פאליטישען מארד.

א דעלעגאציע פון צווייטע אינטער-נאציאנאל בעזוכט פוילען

די דעלעגאציע וועט אויך בעזוכען לאדז

ווארשא, (מעל.) די מעג קומט קיין ווארשא א דעלעגאציע פון צווייטען אינטערנאציאנאל. צווישען אנדערע בעטייליגען זיך אין דער דעלעגאציע לעאן בלום, וואנדערוועלדע, דער פרעזעס פון דעמשען רייכסטאג און אנדערע סאציאליסטישע פיהרער. די דעלעגאציע קומט קיין פוילען אלס געסט פון די פ. פ. ס. די דעלעגאציע וועט אויך בעזוכען לאדז

די צאהל קאנסערוואטיסטען צום ענגלישען פארלאמענט פארגרעסערט זיך

לאנדאן, (ספ.) נעכטען זענען פארגעקומען די וואהלען אין אקספארדער אוניווערזיטעט. אויסגעוועהלט זענען געווארען צוויי קאנסערוואטיסטען. די צאהל קאנסערוואטיסטען זענען אזוי אנאך געשטיגען מיט נאך צוויי, וועלכע וועלען איצט האבען 257 דעפוטאטען.

די דריי פונקטען פון דער מאקדאנאלד-רעגירונג

לאנדאן, (ספ.) אויף דער אודיענץ ביים ענגלישען קעניג האט מאקדאנאלד פארגעשטעלט דעם פראגראם פון דער נייער רעגירונג, וועלכער בעשטעהט אין דריי-פונקטען: ענטוואפנונגען און בעפעסטיגונגען צום שלום דורך אויסברייטערן די קאמפעטענצען פון שידס-געריכט אין האאג, אנקנופען דיפלאמאטישע בעציהונגען מיט רוסלאנד און בעקעמפען די ארבייטסלאזיגקייט.

מיניסטעריום צו בעקעמפען די ארבייטסלאזיגקייט

וועט געשאפען ווערען ביי דער מאקדאנאלד-רעגירונג

לאנדאן, (ספ.) אין די פאליטישע קרייזען שמועסט מען, אז מאקדאנאלד האט בדעה צו שאפען א מיניסטעריום צו בעקעמפען די ארבייטסלאזיגקייט. דעם פארטפעל פון דאזיגען מיניסטעריום זאל איבערנעמען טהאמאס. אין אזא פאל, וועט דער פארטפעל פון אויסערן-מיניסטעריום איבערנעהמען הענדערסאן.

געוו. פינ.-מיניסטער טשעכאוויטש בעטייליגט זיך אין דער זיצונג פון פינאנץ-קאמיטעט ביים מיניסטעריום

ווארשא. (טעלעפאניש) מארגען שבת 10 פריה וועט אין מיניסטערראט פארקומען א זיצונג פון פינאנץ-קאמיטעט. די זיצונג וועט געפיהרט ווערען פון פרעמיער שווימאלסקי. מיניסטער מאטושעווסקי וועט רעפערירען וועגען דער ווירטשאפטליכער לאגע. אין דער זיצונג וועט זיך אויך בעטייליגען דער געוו. פינאנץ-מיניסטער טשעכאוויטש.

די אויספארשונג אין טשעכאוויטש פראצעס איז שוין פערענדיגט

ווארשא. (טעלעפאניש) די אויספארשונג אין פראצעס געגען געוו. פינאנץ-מיניסטער טשעכאוויטש, איז שוין פערענדיגט געווארען. דער אויספארשונגס-ריכטער זאלעסקי האט וועגען דעם צוגעשיקט ספעציעלע בריף צו די פראקוראטור מצד דער בעשולדיגונג און צו די פערטיידיגער. די אנקלאגער האבען אריינגעטראגען א פארשלאג, אז מ'זאל ארויסרופען אלס עדות די מיניסטארען: קוויאטקאווסקי, סקלאדקאווסקי און דעם געוו. מיניסטער יורקעוויטש. דער פארשלאג איז אבער אפגעווארפען געווארען.

לעטישע דעלעגאציע אין ווארשא

געקומען בעזוכען די לאנד-אויסשטעלונג אין פויזען

ווארשא. (טעלעפאניש) היינט פאר מיטאג איז פון ריגע אנגעקומען א דעלעגאציע פון 32 פערזאן מיט'ן ווייצע-אגראר-מיניסטער עגליט בראש. מיט דער דעלעגאציע זענען אויך מיטגעקומען זיבען זשורנאליסטען פון די פלורסבלעטער לעטישע צייטונגען. אין אווענד איז די דעלעגאציע אפגעפאהרען צו דער לאנד-אויסשטעלונג קיין פויזען.

יודיש טעאטער אין זאל פילהארמאניע — נארוטאוויטש 20 —

אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאן און א. קאמפאניעץ

גאסטראלען פון די בעריהמטע סוברעטין און געזאנגס-ליבהאבער

וויערא קאניעווסקא, פאול ברייטמאן

מיט אנטייל פון מאקס פריז.

שבת, ד. 8-טן, זונטאג, ד. 9-טן, דינסטאג, ד. 11-טן 9 אווענט

פרעמיערע!!! צום ערשטען מאל — אין לאדז — פרעמיערע!!!

שלאגער פון קאמינסקי'ס טעאטער אין ווארשא

נייע הערליכע געזאנגס-נומערן

איינשטודירטע נייע טענץ

גרויסער קנאבען-כאר

דאס חזנ'דל

אין 3 אקטען פון שטיינבערג, מוזיק פון רומשינסקי.

הויפט-ראל אלס חזנ'דל—וויערא קאניעווסקא.

שבת, 4 נאכמ. צו ביליגע פרייזען אנשטאל שאר'ס גרויסע אויפפיהרונג

28 נומערן געזאנג

זיין יודיש מיידעל

אין 3 אקטען פון י. לעש, מוזיק פון ש. סעקונדע, טענץ פון ליבאוויטש.

מאנטאג, ד. 10-טן אוו. גרויסע פאפולערע פארשט. פון 1 ביז 2.50

די אין לאדז בעליבטע פיעסע

דאס פענסיאן מיידעל

אין 3 אקטען מיט געזאנג און טענץ.

פענסיאן מיידעל—וויערא קאניעווסקא, ראל ארענשטיין—פ. ברייטמאן

אין אלע פיעסען נעמען אנטייל לויט א. ב. פרויען: בעזמאן, באריסאווא מאכאראווסקא, נערה, פאדערמאן, קארעני, קאמפאניעץ. מענער: אריעל, אייזענבערג, באלבירסקי, האמבורגער, מאכאראווסקי, מאטקאוו, נייהויז, פאלאנסקי, ישראל קאמפאניעץ, ראבינאוויטש, ראקאוו.

אדמיניסט.—מ. ארנוואלד. מוזיקאלישע לייט.: ל. זעלמאן.

בילעטען אויף אלע פארשטעלונגען צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע

צוטריבען א קאמוניסטישען-מיטינג אויף גייערס-מארק.

1 ארבייטער לייכט פערוואונדעט געווארען.

(—) נעכטען 5 נאכמ. האבען זיך אויף גייער'ס מארק אנגעהויבען צונויפקומען גרעסערע גרופען ארבייטער און געפרובט איינארדנען א מיטינג אונטער'ן פרייען הימעל. צווישען די פערזאמעלטע איז אנוועזענד געווען דער קאמוניסטישער דעפוטאט ראשאק, וועלכער האט אנגעהויבען צו האלטען א רעדע פאר'ן המון. אין דעם מאמענט איז אנגעקומען פאליציי און צוטריבען די פערזאמעלטע. דערביי איז איין ארבייטער לייכט פערוואונדעט געווארען, וועלכער איז נאך דער בעקומענער הילף פון דער „פאגאטאוויע" געגאנגען אהיים. איינינגע פערזאמעלטע, וועלכע האבען זיך אקעגען געשטעלט דער פאליציי זענען פערהאלטען געווארען, און נאך דעם, ווי מען האט זיי אויסגענומירט האט מען זיי בעפרייט.

פון דער ספארט-וועלט

פוילישע שווער-אטלעטישע מייס-טערשאפט אין לאדז.

מארגען, שבת און זונטאג קומען אין לאדז פאר שווער-אטלעטישע קאמפען פאר דער פוילישער מייסטערשאפט, אין וועלכע עס נעמען אנטייל אויסער די פעראיינען, וואס געהערען צום לאדזער קרייז-פערבאנד, ווי „בר-כוכבא", „שילא", „סאקאל" און „מכבי" (פאביאניץ), נאך אנטיילנעמער די מייסטער פון די קרייזען ווארשא, לעמבערג, סטאניסלאוואוו, קראקא, אויבער-שלעזיען און פויזען — פאמערן. צוזאמען וועלען אנטייל נעמען ביז 200 מאן אין הויבען געוויכטען און רינג-קאמפען, וועלכע וועלען פארקומען לויט די נייע פארשריפטען פון אינטערנאציאנאלען וועלט-פערבאנד, און וועלכע זענען שוין אין פאריגען יאהר אנגעווענדעט געווארען. אויף דער אלימפיאדע אין אמסטערדאם און די מייסטערשאפטס-קאמפען וועלען זייערע טיטעל און די כבודים פון זייערע פעראיינען פערטיידיגען די בעסטע אינטערנעשאנאלע פוילישע מייסטער.

צוליב דער גרויסער צאהל אנטיילנעמער און זייער גוטער פארם, וועט זיין שטארקע קאנקורענץ-קאמפען, און וועלען זעהר אינטערעסאנט זיין.

די פון דער קונגרעסער פוילישע מייסטערשאפטס-קאמפען קלומענורט מייסטער וועלען 8 טאג שפעטער אנטיילנעמען אין די אינטערנאציאנאלע קאמפען, וועלכע וועלען פארקומען אין פויזען, די רינג-קעמפער וועלען אלס געגנער האבען פראנצויזען. און די געוויכט-הייבער — משעכען.

Lekarz-Dentysta

M. Karabanow

ווסכאדניא 31 טעל. 59-09

Spółdzielnia Kredytowa

KUPCÓW SUROWCÓW i PÓŁFABRYKATÓW WŁÓKIENNICZYCH

z ogr. odp. w Łodzi,

Moniuszki 5, tel. 70-88

נעמט אן חעקסלען, פראכטען און פערשידענע דאקומענטען אויף אינקאסע אויף אלע פלעצער אין גאנץ פוילען ביי א מינימאלער פראוויזיע און צאהלט אויס דעם זעלבען טאג, וויזט איבער געלד אויף גאנץ פוילען און דאנציג, נעמט אן וועקסלען, אייזלאגען, גדן-געלטער און קלענערע אבשפארונגען אויף די בעסטע בעדינגונגען, מאכט דיסקאנטא און גיט ארויס אוואנסן אויף אינקאסע

ערלעדיגט אלעס פינקטליך און רעעל!

די באנק איז אפען פון 9 ביז 2 מיטאג

צוליב דער בעקוועמליכקייט פון די ג' קונדשאפט איז די באנק אפען פון 8-6 אווענד פרי אויסצוצאהלן די איינגעפלאסענע אינקאסא

Dr. med. Albert Gotlib

אקושער און ספעציאליסט פון פרויען-קראנקהייט ע

פיעטריקאווער 26, טעלעפ. 50-77

נעמט אן פון 8—10 און פון 4 ביז 7 אווענד.

א זעלטענע געלעגענהייט

א געוועלב מיט א גרויסע וויטרינע אויף א וואוינונג און 2 גרויסע קעלער זאפארט צו פערמיטען פעטריקויער 191 רוג קארעלא צו ערפאהרען ביים ווירט. 2888

Doktór

Mikołaj Bornstein

KRYNICA

willa „Belmont"

Dr. Z. RAKOWSKI

ספעציאליסט פאר אויערן, נאז, האלז, לונגען-קראנקהייט

קאנסטאנטינער 9, טעלעפאן 27-81

שפרעכשטונדען 12—2 און פון 5—7 נעמט אויך אן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון ביז 3 נאכמ.

Dr. Med.

Adolf Askenazy

Zawadzka 30.

פראקטיצירט אין בוסק „Willa Angielska"

עזט און אבאנירט דעם „לאדזער טאגעבלאט"

א זוניגע שטוב

פראנט ערשטער שטאק מיט א בעזונדערן איינגאנג צו פערמיטען קאנסטאנטינער, 75 וואוינונג 6. 1785

Ciechocinek

„Wiktorja" ווילא — ולאצלאווסקא-גאס

Dr. med. W. Łaski

אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען

נעמט אן פון 1-טען יוני 1929

Dr. med Z. Datyner

ספעציאליסט פאר נירען, בלאז און אורין-קראנק

Piramowicza 11 (טריטער אלינסקא)

Tel. 46-95.

נעמט אן פון 8 ביז 10 פריה. און 6—8 אווענד.

סטארשי-פעלדשער

B. Joskowicz

שטעלט פאקען טעגליך מיט פרישער קראוויאנקע און גיט אויך ארויס שוויאדעצטוועס

פולנאצנא 4 Północna — טעלעפ. 41-86

נעמט אן פון 8—11 און פון 4—6 אווענד

ד"ר לודוויג פאלק

צוריגעגעהרט

נאווראט 7, טעל. 28-07.

ספעציאליסט פאר הויט- און געשלעכטס-קראנקהייטען

נעמט אן פון 10—12 און פון 5—7 נאכמ.

Dr. med. J. BETTE

צוריגעקעהרט

ספעציאליסט פאר אינערליכע און קינדער-קראנק

Piotrkowska 6, tel. 44-95

נעמט אן פון 8 ביז 11 און פון 4 ביז 6 אווענד

Dr. med. J Kahane

צוריגעקעהרט

אינערליכע קראנקהייטען

ספעציאל תיר הערץ

Radwanska 2, front I-sze piętro.

נעמט אן פון 5 ביז 7. 2414

Dr. med Grzegorz Rozenberg

ספעציאל-ארצט פאר מאגען, קישקע, לעבער און אינערליכע קראנקהייטען

Telef. 24-44 (דלוגא) 44 גדאנסקא

נעמט אן פון 11.15 ביז 12.30 מיטאג און פון 6 ביז 8 אווענד

זונטאג פון 11 ביז 1.

Dr. med S. Neumark

צוריגעקעהרט

Moniuszki 5, (פאסאזש-מייער)

Telef. 70-50 טעלעפ.

ספעציאל-ארצט

פאר הויט, האר- און וועגערישע - קראנקהייטען בעהאנדלונג מיט רענטגען-שטראהלען.

נעמט אן פון 11 ביז 1 און פון 5—8,

פרויען פון 5 ביז 6 נאכמיטאג

שטרענגע מיטלען געגען לעמבערגער כוליגאנעס

אפיציעלער קאמוניקאט פון דער וואיעוואדזטווע לייקענט אפ די רכילות פון דער ענדעקישער פרעסע.—קאנפיסקירט דעם „קוריער פאראני".— דעפ. רייך טעלעגראפיש ארויסגערופען פון אויסלאנד קיין לעמבערג. — די קאטוילישע פרעסע-אגענטור העצט ווייטער געגען יודען.—פונאנדער-געטריבען א סטודענטען-דעמאנסטראציע פאר דער רעדאקציע פון דער „כווילא". — כוליגאנישע סטודענטען צעשלאגען יודישע סטודענטקעס פאר די טויערען פון אוניווערזיטעט.— אקאדעמישע סענאטען רופען די סטודענטען צוריקצוקומען צו נארמאלער ארבייט.

דעלעגאטען פון לעמבערגער סטודענטען ארגאניזירען א סטודענטען-מיטינג אין ווארשא

לעמבערג. (טעלעפאניש) דער זיכערהייטס-דעפארטאמענט ביי דער וואיעוואדזטווע האט היינט פערעפענטליכט א קאמוניקאט, אין וועלכען עס ווערט פעסטגעשטעלט, אז קיין שום פראוואקאציעס פון דער יודישער יוגענד איז נישט געווען.

לעמבערג. (טעלעפאניש) דער היינטיגער טאג איז ארויבער רוהיג. איבער די גאסען געהען ארום שטארקע פאליציי-פאטרולען. דער ווידצע-וואיעוואדא ביעלעצקי האט ערקלערט, אז ס'איז צו רעכענען די לאגע פאר בעהערשט פון דער מאכט.

לעמבערג. (טעלעפאניש) דער היינטיגער „קוריער פאראנני" איז קאנפיסקירט געווארען. די סטודענטען האבען שפעטער די קאנפיסקירטע צייטונג פערקויפט איבער די לעמבערגער גאסען.

לעמבערג. (טעלעפאניש) דעפ. רייך וועלכער האט לעצטענס געוויילט אין אויסלאנד איז ארויסגערופען געווארען טעלעגראפיש קיין לעמבערג.

לעמבערג. (טעלעפאניש) די קאטוילישע פרעסע-אגענטור האט היינט פערעפענטליכט א קאמוניקאט, אין וועלכען זי בעשרייבט בפרטיות ווי אזוי די יודישע יוגענד האט פערשוועכט די קריסטליכע פראצעסיע. ווייטער ווערט אין דעם קאמוניקאט מיטגעטיילט, אז קומענדיגען זונטאג, דעם 9. יוני וועט פארקומען א גרויסער פראטעסט-מיטינג פון דער קאטוילישער ליגע געגען דער יודישער אקאדעמישער יוגענד.

לעמבערג. (טעלעפ.) נאך דעם שטילשטאנד, וואס האט געהערשט היינט א גאנצען טאג, האבען זיך ווידער די אנטיסעמיטישע סטודענטען אין א גרויסער צאהל פערזאמעלט און זיך געלאזט דעמאנסטרירען. פאר דער רעדאקציע פון דער פויליש-יודישער צייטונג „כווילא" איז אנגעקומען א גרויסע פאליציי-אפטיילונג, וועלכע האט די דעמאנסטראציע פונאנדערגעטריבען.

לעמבערג. (טעלעפאניש) 12 פארמיטאג האבען א מחנה ענדעקישע סטודענטען ווידער געפרובט זיך צו פערזאמלען פאר'ן אוניווערזיטעט. די פאליציי האט די פערזאמעלטע פונאנדערגעטריבען. די לימודים אין אוניווערזיטעט קומען נישט פאר. די צעזשישטע סטודענטען האבען פערגעסען אלע איינגאנגען צום אוניווערזיטעט און קיינעם נישט ארייננעלאזען. עטליכע יודישע סטודענטקעס, וועלכע האבען זיך געוואלט ארייננקריגען אין אוניווערזיטעט, זענען פון די כוליגאנישע סטודענטען שטארק צושלאגען געווארען. דער סענאט פון שלאגען סטודענטקעס האט ביי די פראגנרעכייטע סטודענטען, אויך ביי די רעקטארען ארויסגערופען א שטארקע פערבימערונג.

לעמבערג. (טעלעפ.) די אקאדעמישע סענאטען האבען היינט ארויסגעלאזט אן אויפרוף צו דער אקאדעמישער יוגענד, אין וועלכען די סטודענטען ווערדען אויפגעפאדערט צוריקצוקערען צו זייער נארמאלער ארבייט. אין דעם אויפרוף פראטעסטירען די רעקטארען געגען דעם אלגעמיינעם שטרייק אין די הויכשולען. פאר דער טובה פון דער יוגענד פאדערען זיי אויף די סטודענטען, זיך צו בערוהיגען, נאר דאן וועלען זיי האבען די מעגליכקייט צו אונטערזוכען לגופו של ענין די ארעסטירטע סטודענטען. צום סוף פון דעם אויפרוף ווארענען די רעקטארען, אז די סטודענטען זאלען אויסמיידען דאס שליסען דעם אוניווערזיטעט.

ווארשא. (טעלעפאניש) א דעלעגאציע פון סטודענטען פון ווארשאווער אוניווערזיטעט האט זיך געווענדעט צום רעקטאר מ'זאל זיי ערלויבען איינצוארדנען אין אוניווערזיטעט א פראטעסט מיטינג געגען די ארעסטען פון זייערע לעמבערגער חברים. דער רעקטאר האט די בקשה אפגעזאגט און גלייכצייטיג דער דעלעגאציע געווארנט נישט אריינצולאזען זיך אין אוואנטורעס. נישט קוקענדיג אויף דעם אבזאג פון רעקטאר, האבען די סטודענטען מיט דער בעטייליגונג פון לעמבערגער דעלעגאטען אפגעהאלטען א מיטינג. אין עס איז בעשלאסען געווארען אויף שבת צוזאמענצורופען אויפ'ן הויף פון אוניווערזיטעט א פראטעסט-מיטינג. אויב דער מיטינג וועט נישט ערלויבט ווערען, וועלען די סטודענטען ערקלערען א שטרייק אין די ווארשאווער הויכשולען.

7 פוילישע סטודענטען-ארגאניזאציעס פראטעסטירען געגען די לעמבערגער עקסצעסען

לעמבערג. (טעלעפאניש) נעכטען איז פערשפרייט געווארען אן'אויפרוף צו דער פוילישער אקאדעמישער יוגענד, אין וועלכען עס ווערט אויפ'ן שארפסטען אופן פראטעסטירט געגען די שאווינסטישע עקסצעסען, וואס עס האבען ארגאניזירט א טייל פון די פוילישע אקאדעמיקער. דער אויפרוף איז אונטערגעשריבען דורך 7 פוילישע סטודענטען-ארגאניזאציעס.

דעפ. ווישליצקי ביים שעף פון זיכערהייטס-דעפארטאמענט ביים אינערן-מיניסטעריום

ווארשא. (טעלעפאניש) דעפ. ווישליצקי האט היינט בעזוכט דעם שעף פון זיכערהייטס-דעפארטאמענט ביים מיניסטעריום. דער שעף האט פערזיכערט, אז אין ווארשא איז זיך נישטא פארוואס צו בעאונרוהיגען. אז אלע פרובען פון וועלכע ס'זאל נישט זיין ארויסטרעטונגען וועלען מיט דער גאנצער שטרענגקייט אונטערדריקט ווערען.

נעכטיגע רעליגיעזע פראצעסיע אין ווארשא.

ווארשא (טעלעפ.) היינט נאכמיטאג איז דא פארגעקומען א רעליגיעזע מאניפעסטאציע. צוליב די לעמבערגער געשעהענישען האבען די יודען זיך געשראקען, אז אויב אין ווארשא זאל זיך נישט איבער'חזר'ן דאס אייגענע וואס אין לעמבערג. ווען די פראצעסיע איז א דורכגעגאנגען די גאסען דזשיקא גענשא האבען די יודישע קרעמער פערמאכט די געוועלבער. די פאליציי האט געהיטען די ארדנונג און עס איז אריבער בשלום.

„יעדער פאלאק דארף זיך שעהמען צוליב די לעמבערגער געשעהענישען"

שארפער ארטיקעל פון דער „עפאקא" געגען די לעמבערגער כוליגאנעס.

ענדליך האט זיך ס'איז געענדערט. די פוילישע פרעסע האט גענומען רעאגירען אויף די לעמבערגער געשעהענישען. אויף אזא צו אנ'אנדער אופן. די געמיינגע „עפאקא" ווידמעט א גרויסען לייט ארטיקעל די עקסצעסען אין לעמבערג.

„כל זמן — הייבט אן די דערמאנטע צייטונג — די געוואלטס-אויספארשונג האט נישט פעסטגעשטעלט קאנקרעטע, צי און אויף וואסערע אופן די שולערינס פון יודישען גימנאזיום האבען פראפאנירט די קאטוילישע פראצעסיע, זענען מיר אנגעוויזען צו זוכען דעם אמת אויפ'ן יסוד פון דער לאגיק, מחמת די ידיעות, וואס קומען אן פון לעמבערג, זענען זיך סותר, אפהענגיג דערפון פון וואנען זיי קומען".

דא ברענגט די „עפאקא" די בעריכטען פון דער „גאזעטא ווארשאווסקא" פון איין זייט און די בעריכטען פון „גלאס פראווד" און פון לעמבערגער ביבלאט פון דער צווייטער.

„פון דעם אלעם איז צו זעהען, זאגט ווייטער די „עפאקא", אז אויב די יודישע שולער-יוגענד האט זיך נישט פערהאלטען מיט'ן פולען פיעטעט פאר דער קאטוילישער פראצעסיע, איז אבער די פערהאלטונג פון דער יוגענד נישט געווען סקאנדאליעז און נישט אויפרייצענד. והראיה: א חוץ דעם נוי-ענטשטאנענעם ענדעקישען „קוריער פאראנני" האט קיין איין לעמבערגער צייטונג גיט דערמאנט מאנטאג וועגען וועלכע עס איז בעליידיגונג מצד די יודישע שולער.

„מיר קאנען דעריבער נישט גלויבען, וואס עס שרייבען די ענדעקישע צייטונגען. מ'קאן זיך אויך נישט פארשטעלען אז קיינער אין דער פראצעסיע זאל נישט תיכף רעאגירען אויף די „ווינבריקעס" פון די שולער און אז דער גייסטליכער, וואס האט געפיהרט די פראצעסיע זאל גארנישט דערפון וויסען.

נאכדעם ווי די צייטונג רעדט אויס די פאלגען, צו וועלכע עס האבען דערפיהרט די טענדענציעזע רכילות-מעשה-בער, קומט זי צו פאלגענדען אויספיהר:

„אזא ארט רעאקציע, וועלכע איז נישט געקומען נאך דעם דירעקטען איינדרוק פון דער זונטאג'דיגער פראצעסיע, נאר ערשט נאך 24 שעה צוליב די שקר'דיגע ידיעות פון א פארטיי-בלעטעל איז צוליב קונסטליכע נאציאנאליסטישע פראפאגאנדע. מוז ארויסרופען ביי יעדען פאליאק א געפיהל פון חרפה, אויפרעגונג און טיפען טרויער. אט צו וואסערע פערווילדונג עס דערגרייכט די אוניווערזיטעטס-יוגענד אונטער דער השפעה פון פערשפרייטען ראסען- און רעליגיע-האס! מיר געהען צוריק צום 17-טען יאהרהונדערט, ווען די שולער פון די יעזואיטישע שולען זענען אנגעפאלען אויף עוואנגעליקען, געשלאגען אנדערש גלויביגע און דערפיהרט צום אונטערגראבען די אונאפהענגיגקייט פון פוילען".

דאס טאר נישט פערשוויגען ווערען.

די 40 ארעסטירטע אקאדעמיקער וועלכע מ'האט געכאפט אויף דער הייסער מינוט, ווען זיי האבען חריב געמאכט דאס פערמעגען פון געזעלשאפטליכע קולטורעלע אנסטיטוציעס, מוזען בעשטראפט ווערען מיט דער גאנצער הארבקייט פון געזעץ.

„מ'דארף זיך אויך וואונדערען, ווי די רעקטארען פון די לעמבערגער הויכשולען האבען אינטערוועגנירט ביי דער אדמיניסטראטיווער מאכט, אז מ'זאל ארויסלאזען אויף דער פרייהייט די אינטערוואקסענע כוליגאנעס. זיי דארפען זיך שעהמען, אז צווישען די, וואס זיי ערצוהען, געפינען זיך אזעלכע עלעמענטען.

„זאלען די לעמבערגער וואנדאלען בעקומען די הארבסטע שטראף, כדי זיי זאלען זיך איבערצייגען, אז מען טאר נישט צוריקשטופען דאס בעגינטע פוילען אין דער אנארכיע פון 17-טען יאהרהונדערט, פערגיפטענדיג די פרייהייטליכע אטמאספערע פון די בירגער מיט א סם פון נאציאנאלען און רעליגיעזען האס."

דער „גלאס פראוודי" געהט נאך ווייטער און זאגט, אז „די לעמבערגער געשעהענישען זענען ארגאניזירט געווארען נישט בלויז דורך די אקאדעמישע קרייזען, נאר דורך די פיהרער פון די ענדעקעס, וואס שטעהען מחוץ די הויכשולען".

פריזיער-שטרייק דויערט ווייטער

פריזיער-ארבייטער ווילען נישט אונטערהאנדלען אהן די קריסטליכע חברים

די יודישע פריזיער-מייסטער האבען זיך געווענדעט צו די ארבייטער מיט א פארשלאג צוזאמענצורופען א קאנפערענץ, כדי צו ליקווידירען דעם שטרייק, וואס דויערט שוין עטליכע וואכען. די יודישע פריזיער-מייסטער האבען פערלאנגט א קאנפערענץ נאר מיט די יודישע ארבייטער. נעכטען האבען די יודישע ארבייטער צוגעשיקט א בריף צו די מייסטערס, אז זיי זענען גוט מסכים מיט דעם פארשלאג. זיי זענען גרייט אונטערצוהאנדלען נאר צוזאמען מיט די קריסטליכע ארבייטער.

אזוי ארום זענען די פערהאנדלונגען ווידער איבערגעריסען געווארען.

צו דער גארטען-פערוויילונג פון „לינת-החולים" אין „העלענאוו"

„לינת החולים" איז איינע פון די עלטסטע פילאנטראפישע אנסטיטוציעס אין לאדז, וועלכע ארבייט אויף דעם מעדיצינישען געביט. די איינציגע אנסטיטוציע אין לאדז, וואס האט א דאנק דער אונטערנעהמער ארבייט פון דער לייטונג זיך ערווארבען אנ'אייגענעם בנין. זייט א ריהע יאהרען איז ביים פעראיין טעטיג א חוץ דעם א קומפלעטע מארין-קליניק, אויך אנ'אמבולאטאריום, וואס בעשטעהט פון 15 צימערען. אין אמבולאטאריום זענען טעטיג 20 דאקטוירים פון פערשידענע ספעציאליטעטען. די אפטייק גיט ארויס אין די מינדער רעצעפטען א.ד.גל.

דער איצטיגער קריזיס האט ווי אנדערע אנסטיטוציעס אויך שטארק געטראפען „לינת החולים" אזוי אז דער סימפאטישער פעראיין לעבט איבער א שטארקען מאטעריעלען קריזיס.

כדי צו פערשטארקען די פינאנציעלע מיטלען, ארדענט „לינת החולים" אין קומענדיגען זונטאג א גארטען-פערוויילונג אין „העלענאוו". ס'איז צו ערווארטען, אז דאס יודישע לאדז וועט ווי געהעריג אונטערשטיצען די נוצליכע אנסטיטוציע און קומענדיגען זונטאג, אויב דאס וועטער וועט נאר צולאזען — שטראמען מאסענוויז אין „העלענאוו".

אלזא, קומענדיגען זונטאג זעהען מיר זיך אלע אין „העלענאוו".

אפצייכען-טאג לטובת יתומים-הויז (זגערזשער 40)

קומענדיגען דינסטאג ד. 11. ד. ח. קומט פאר אנ'אפצייכען-טאג לטובת יתומים-הויז (זגערזשער 40). די ערשטע ארגאניזאציאנס-פערזאמלונג קומט פאר אין אייגענעם לאקאל זונטאג 6 אווענד.

15000 פערזאן פערלירען וואהל-רעכט צו דער קראנקען-קאסע אין לאדז

(ח) לויט די ביז-איצטיגע אויסרעכנונגען, האט די צאהל וואהל-בערעכטיגטע צו די קראנקען-קאסע-וואהלען אין לאדז זיך פערקלענערט אויף העכער 15 טויזענד שטימען. די פערקלענערונג פון דער צאהל וואהל-בערעכטיגטע איז א רעזולטאט פון קריזיס און רעדוקציע אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע.

הסתדרות „צעירי-מזרחי" קילינסקא 44

שבת 7 פרוח ווערט געלערנט דורכ'ן ח' סקאוורוינסקי מסכתת מכות. 4 נאכמיטאג דורכ'ן ח' פיליק—שמנה פרקים לרמב"ם. 6 אווענד קומט פאר א מסיבת עונג שבת מיט דער בעטייליגונג פון ה' אהרן אסט. זונטאג 8 א זייגער קומט פאר די פארטזעצונג פון די דיסקוסיעס איבער'ן רעפעראט „תורה ועבודה". איינגאנג פאר חברים און סימפאטיקער פריי.

SPLENDID

היינט און ווייטערדיגע טעג!

גרויסער יודישער שלאגער-פילם

דער ווידוי פאר'ן שלאכט

פרעכטיגע קאמעדיע-דראמא פון יודישען עמיגראנטען-לעבען אין אמעריקא. — אין די הויפט-ראלען:

Georg Jessel, Pasty Ruth Müller, Vera Gordon

הערליכע מוזיק-אילוסטראציע אונטער דער לייטונג פון פ. מוצמאן. אנהויב 4.30, שבת, זונטאג פון 1.30 ביז 3 אלע פלעצער צו 50 גר. און 1 זל.

נישט רעגולערע פונקציאנירען פון דער דיקער קישקע, א מיחוש פון דער לעבער - גאל, שטעכען אין די זייטען, ברוסט-בעקלעמונג, הארצקלאפען ווערען בעזייטיגט דורכ'ן נאטירליכען

Franciszka Józefa

ביטער-וואסער און דער בלוט-דראנג אויפן מח, אויגען און לונגען ווערען פערקלענערט. ערצטליכע בעאויבאכטונגען פערצייכענען אמת'ע איבערראשענדע רעזולטאטען וואס ווערען דערגרייכט מיט

Franciszka Józefa

וואסער ביי מענשען, וואס זענען געצוואונגען צו פערברענגען זייער לעבען זיצענדיגערהייט.

בעריכט פון ד"ר אריה טארטאקאווער אין „התאחדות"

מארגען, שבת פינקטליך 8.30 אווענד קומט פאר אינ'ם לאקאל פון דער ציוניסטישער ארב.-פארטיי „התאחדות" א פערטרויעליכע חברים בעראטונג, אויף וועלכע ד"ר א. טארטאקאווער, וועלכער איז נעכטען צוריקגעקומען פון בערלין, וועט אפגעבען א בעריכט פון די זיצונגען פון אקציאנס-קאמיטעט, דער איינגאנג איז נאר פאר חברים.

ווילט איהר, דאס אייערע וואוינונגען זאלען נישט בלייבען אויף הפקר בשעת איהר זענט אויף זומער-וואוינונגען אין קור-ערטער? דאן ווענדעט זיך תיכף אין פערזיכערונגס-ביורא פון ה' מרדכי חיים רומקאווסקי, קילינסקיעגא 105, טעלעפאן 50—12, וואו ער נעמט אן אלע ארט אסעקוראציעס. געגען פייער און גנבה ספעציעל פון וואוינונגען. אלע די, וועלכע פאהרען איצט אפ, דארפען זאפארט אנקלינגען טעלעפאן 50—12, און זיי וועלען בעזוכט ווערען כדי ארויסצופיהרען די אסעקוראציע.

בכדי די לאדזער איינוואוינער זאלען אין די זומער-חדשים זיין רוהיג און נישט דארפען מורא האבען פאר גנבות, איז עס זייער אייגענער אינטערעס דורכצופיהרען א פערזיכערונגס-פאליסע און אנקלינגען טעלעפאן 50—12 אין דער ביורא פון מרדכי חיים רומקאווסקי.

אויפפאדערונג.

דערמיט פאדערען מיר אויף דעם ה' לעוויטין דאס ער זאל אין פערלויף פון צוויי טעג אריבערטראגען צו ה' שעכנער די 70 זל., וואס קומט אונז צו פון קינא, אין געגענפאל וועלען מיר געצוואונגען זיין ארויסטרעטען געגען איהם געריכטליך.

אכטונג, חברים כאריסטען!

צוליב די אונטאקטישע האנדלונג פון ה' לעוויטין צו די חברים פון כאריסטען-פעראיין, פאדערען מיר אויף אלע איבעריגע חברים, מיט איהם נישט צו זינגען, גלייכצייטיג פאדערן מיר פון די פירמעס שוועסטערן קראקאווסקא, ווידאווסקא און כרוי פיין, אום אויסצומיידען אונאנגענעמע קאנפליקטען מיט ה' לעוויטין נישט צו זינגען.

מיט אכטונג

דער פראפ. כאריסטען-פעראיין אין לאדז.

מעלדונג פון טאפעציר-מייסטער-פעראיין

לאדז, פאלודניאווא 4.

מיר מעלדען, אז דער מיטגליד יעקב ברעסלער, פאלודניאווא 10, ווערט אויסגעשלאסען פון פעראיין, פאר ברעכען בעשלוסען און געגענזייטיגע אבמאכען וואס ער האט אליין אונטערגעשריבען און פיהרט א נישט עהרליכע קאנקורענץ און איז איינער וואס ברענגט שאדען דאס גאנצע פאך.

די פערוואלטונג.

Miljony ludzi

na całym świecie nosi rok rocznie najlepsze obcasy BERSONA. Ludzie idący z postępem czasu nie noszą więcej twardych abcasów skórzanych. Mądry i postępowy nosi tylko BERSONA.

BERSONY są dla nerwów dobrodziejstwem, wytrzymują dłużej, niż najlepsza skóra, a przytem są tak tanie, że nie stanowią prawie wydatku.

Co miljony ludzi uznało za dobre, powinien i Pan wypróbować.

Noś więc i Pan BERSONY i z mądrości i z oszczędności.

ליקווידירט דעם סכסוך אין קרושע און ענדעס פאבריק

(§) דער קרייז-ארבייטס-אינספעקטאר וואיטקעוויטש איז עהערגעקומען, באלד נאך די אונרוהען אין קרושע און ענדער'ס פאבריק, ארויסגעפאהרען קיין פאביאניץ און אונטערהאנדעלט אינ'ם סכסוך צווישען די ארבייטער און דער דירעקציע.

היינט זענען שוין די ארבייטער צוגעטרעטען צו דער ארבייט.

Odeon — היינט און טעגליך! — אווענד פון הומאר א. ט. — „צו וועמען געהערט מיין ווייב" — פאמיליען-דריידעק פון 2 טעג און אין פרולי. הויפט-ראלען: Elzbieta Pinajew, Losta Loring, Fryderyk Kamper אויסערן-פראג. א פארס

Wodewil — היינט און ווייטערע טעג! דער ליבלינג פון פובליקום HARRY PEEL אין פילם „די פאניק" — מיט — Anita BELL — א. נ. — אויסערן פראגראם א פארסע

Corso — היינט און טעגליך! — סענסאציע — FRED THOMSON „רויבער פון מדבר" אוואנטוריסטישע דראמא אין די הויפט-ראלען: Don Milke, May Kesley אויסערן פראגראם א פארסע

ריזען-גנבה אין א זייד-געשעפט אויף פּיעטריקאָווער 121

עטליכע הונדערט שטיק טייערע זיידען-שטאָפען אוועקגעפירט אויף לאַסט-וועגען. די גנבים האָבען אויך געוואָלט אויפברעכען די אייזערנע קאַסע.

(§) נעכטען אין דער פרוה, ווען דער אייגנטימלער פון דער זיידענוואַרג פירמע „ברידער האַפּטמאַן און ראַהנגעוויטש", פּיעטריקאָווער 121 איז געקומען עפענען דאָס געשעפט, האָט ער באַמערקט, אַז דאָס שלאָס איז נישט אינגאַנצען אין אָרדנונג און עס האָט דאָ פריער עמיצער געאַרבעט. מיט שרעק האָט ער געעפענט דאָס געשעפט און עס איז מטש פינסטער געוואָרען פאַר די אויגען. אינגאַנצען האָט אויסגעזעהן, ווי נאָך א פּאָגראָם. די סחורה געווען אויפגעוואָרפען און צעריסען אויף דער פּאָדלאָגע. די פּאָליצעס אויסגעליידיגט, דער קאַבינעט פינ'ם דירעקטאָר אין אינאָרדנונג. קורץ, אַלע סימנים פון א רויבער אַנפאַל.

דער אייגנטימלער האָט תיכף צו-רופען געלאָזט די באַלעבאַטים און ווען זיי זענען געקומען, האָבען זיי ערשט רעדזעהן דעם חורבן, וואָס ס'האָט פאַר זיי געמאַכט אויבערגעלאָזט. באַלד איז אויך אָנגעקומען פּאָליציי און מ'האָט זיך גענומען אויספאָרשען, ווי אַזוי האָט פּאַסירט. געשטעלט, אַז די גנבים זענען ראַפינירט און זייער „פאַך" און זיי האָבען פערווישט אונטער זיך אַלע שפּורען. לויט דער אונאָרדנונג אין קאַבינעט פון דירעקטאָר און לויט די ראַמען און צייכענס אויף דער אייזערנער קאַסע איז מען זיך משער, אַז די גנבים האָבען דאָ נישט אַזוי חמט געמיינט די סחורה, ווי די מזומנים, וואָס זענען געלעגען אין דער קאַסע. א לאַנגע צייט האָבען זיי זיך געפּאָרעט בייד ער אייזערנער טיר פון דער קאַסע, אָבער דאָס שטאַרקע און פעסטע מעטאַל האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבען די שטאַרקע קלעפּ פון די לאָמענס און די „אַרבייט" איז געווען אַרויסגעוואָרפען. דאַן האָבען זיי זיך ערשט גענומען צו די סחורה. זיי האָבען אויסגעקליבען די בעסטע שטיקער זיידען-שטאָף און טייערען ענגלישען בעק און עס פערפּאַקט אין זעק. דערנאָך האָבען זיי די סחורה אַרויסגעשלעפּט אונ'ם גאַרטען און זי אַריבערגעוואָרפען אויבער'ן פּלויט, וואָס געהט אַרויס אויף דער שענקעוויטשא. דאָרט האָט מען אַרויפגעלעגט די סחורה אויף לאַסט-וועגען און זי אוועקגעפירט.

סך הכל האָבען די גנבים אַרויסגעגנבעט עטליכע הונדערט זיידען-שטאָף און 40 שטיק ענגלישען בעק.

פּאָליציי האָט אָנגעהויבען אַן ענערגישע אויספאָרשונג צו כאַפּען די גנבים.

ווער איז פעראַנטוואָרטליך פאַר די שטייערן פון א ליקווידירט אָדער באַנקראָטירט געשעפט?

א פּראַגע, וואָס איז איצט ביים שווערען קריזיס אין לאָדז זעהר אַקטועל

(—) ביים איצטיגען שווערען קריזיס איז די דאָזיגע פראַגע געוואָרען אַקטועל. א גרויסער פּראָצענט געשעפטען אין לאָדז ווערען איצט ליקווידירט, ווייל דער קריזיס האָט זיי אַראָפּגעשווענקט פון פּלאַץ. ס'זענען דאָ געשעפטען וואָס ווערען געשלאָסען נאָך א ליצוטאַציע, אַנדערע נאָך א רעגולאַציע מיט די סוחרים.

אויף דעם אָרט ווערען דערנאָך אַנדערע געשעפטען פון אַנדערע אייגענטימער, אָבער דער „אוזשאַנד" מאַהנט ביי די נייע די שטייערן, וואָס די אַלטע אייגענטימער זענען געבליבען שולדיג.

אויב דער אייגענטימער פון געשעפט באַנקראָטירט, מען פערקויפט די סחורה אויף א ליצוטאַציע און שפּעטער ווערט אין דעם זעלבען לאָקאַל איינגעאָרדענט א געשעפט פון דער זעלבער בראַנזשע דורך א צווייטען אייגענטימער, איז ער באַיין אופן נישט פעראַנטוואָרטליך פאַר די שטייערן, וואָס דער באַנקראָטירטער סוחר איז געבליבען שולדיג.

און אַזא פאַל דאַרף דער נייער אייגענטימער זיך שטיצען אויף פאָלגענדע עדות: דער ווירט, וועלכער האָט איהם איבערגעגעבען דאָס געוועלב נאָך דעם באַנקראָטירטען סוחר, דער קאָמאָרניק, וועלכער האָט טלוצירט די סחורה. ס'איז גענוג, א בעשטעטיגונג פון קאָמאָרניק, אַז נאָך דער ליצוטאַציע איז אין געוועלב נישט פערבליבען קיין סחורה.

אויב די ליקווידאַציע פון אַלטען געשעפט איז נישט פאָרגעקומען דורך א ליצוטאַציע איז וויכטיג, כדי נישט צו זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר די שטייערן צו בעזייטיגען יעדען חשד, אַז דאָס געשעפט איז נישט איבערגענומען געוואָרען פון פריהערדיגען בעזיצער.

דער אַלטער אייגענטימער דאַרף באַלד ווי ער שליסט ס'געשעפט מעלדען אין זיין „אוזשאַנד", אַז ער האָט אויפגעהערט צו האַנדלען, אָפּגעבען דעם פּאַטענט, און אַרויסנעמען א קוויטונג, אַז ער האָט דעם פּאַטענט אָפּגעגעבען צו דער צייט.

פערקלענערט די קאָנצעסיעס פאַר שפּריט-סוחרים

(ב) ווי בעוואוסט, איז מיט א פּאָר חדשים צוריק פאָרגעקומען אין לאָדז א צוזאַמענפאָהר פון די שפּירט-הענדלער-דעמאָליסטען און עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו אונטערנעמען וועגען פערלענגערן די קאָנצעסיעס ביי די סוחרים וואָס דאַרפען לויט'ן נייעם געזעץ פערלירען די קאָנצעסיעס.

ווי מיר דערוויסען זיך, האָט שוין די פינאַנץ-מאַכט אַהערגעשיקט די נעהנע רונגע אינסטרוקציעס און פיל בוטעם צו פערלענגערן די קאָנצעסיעס ווערען אַלגעקומען. קיין קאָנצעסיעס וועלען נישט בעקומען די, וואָס האָבען אַריינגעשיקט און מלוה-טרובונאַל אַנ'אַנקלאַגע אויף דער דעציזיע פון דער פינאַנץ-מאַכט און די אַנקלאַגע איז אָפּגעוואָרפען געוואָרען.

פון די קינאָס

[„קאַסינאָ"] עס ווערט געוויזען א שעהנע ספּאָרט-קאָמעדיע מיט באַסטער קיטאָן אין דער הויפּט-ראָלע, א. ג. „דער ספּאָרטסמאַן אויס ליבע".

באַסטער קיטאָן איז זעהר בעקאַנט און פעהיג צום לאַכען, אָבער אין שפּיל וועגען ענטוויקעלט, און אַלע אוניווערזיטעטס-פריינד און פריינדינס לאַכען פון איהם, און דאָס פערמאַכט איהם דעם וועג צו געווינען דאָס האַרץ פון זיין געליבטע, וועלכע ליבט איהם געגענזייטיג, ווייל אָבער נישט האָבען א מאַן א שלימזל.

אויף די אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטען שפּילט ספּאָרט אַזא גרויסע ראָלע ווי אַלע אינטעלעקטועלע ערשיינונגען. דער אויסדרוק באַסטער קיטאָן טרענירט אַזוי לאַנג ספּאָרט, און ווערט א ערשט-קלאַסיגער ספּאָרטסמאַן און איז נושא חן אין די אויגען פון זיין געליבטע. דאָס בילד איז זעהר א שעהנעס, שפּילט זיך גרעסטענטהייל אָפּ אויף א ספּאָרט-סטאַדיאָן, בעזונדערס שעהנע אויפנאַהמען, און איז געפיהרט אין א גוט טעמפּאָ. באַסטער קיטאָן אַלס הויפּט-העלד, ווי אויך דער רעשט שוישפּילער, שפּילען זעהר גוט.

אין קינאָ „ספּלענדיד" ווערט דעמאָנסטרירט דאָס הערליכע בילד פון יודישען עמיגראַנטען-לעבען אין אַמעריקא א. ט. „די ודוי פאַר דעם שטורם" די ערשטקלאַסיגע קאָמעדיע-דראַמע האָט אַרויסגערופען א אינטערעס ביי אונזער לאָדזשער קינאָמאַנען.

[„לונאַ"] זעהט מוטוואַך געהט אונגער פון די שענסטע מזרח-פּאָעמאַס א. ג. „די מוזעלמענערין". דאָס בילד איז פון פראַנצויזישער רעזשי, האָט א רעאַליסטיש טעמאַ און איז אויך פון די בעסטע עקזאָטישע פילמען. אין דעם פילם פעהלט דער חן מער-קוליסען גרונד, איז א שעהנע און גוט אויסגעפיהרטע אָריענטאַלישע דראַמא. אַלע אויספיהרער פון די ראָלען שפּילען זעהר גוט, גאַנץ בעזונדערס צייכענט זיך אויס די אונגעריגלבאַלע הויזשעטע דופלאַס. אויסערדעם ווערט געגעבען א שעהנער נאַכפּראָגראַם. גוט איינשטודירטער אָרקעסטער אונטער לייטונג פון ה' טשודנאָווסקי.

[גראַנד קינאָ"] דאָ ווערט איצט געגעבען דער אויסערגעוועהנליכער פילם „די רעקאָרד שלאַגערין". דער פילם איז א גוטע קאָמעדיע פון די אַמעריקאַנער סטודענטען. דאָס בילד איז א פּראַכט פילם. בעזונדערס שעהנע סצענעס, און זעהר גוטע אויספיהרונג און רעזשי.

די הויפּט-ראָלע אויספיהרערין, און די גרויסע שוישפּילערין בעטע דייוויס, וועלכע פיהרט אויס א שווים-געניטעג מיט דער זיגערין פון לאָסאַנזשעלעס, דער וועלט-בעריהמטע שווימערין עדערלע. אויסערדעם ווערט געגעבען א נאַכפּראָגראַם.

[„אָדעאָן"] א לוסטיגע און שעהנע שטיק אין 10 אַקטען א. ג. „וועמענס איז מיין פרוי"? דאָס בילד איז א צוי-פעלינער דרייעק, פון 2 מענער און א ווייב, איז זעהר גוט אויסגעפיהרט, בעזיצט שעהנע דעקאָראַציעס און נאַטור-אויפנאַהמען. די אויספיהרער פון די הויפּטראָלען זענען לאַצאַ לאַרינג, לוציע נאַגלער, פרידריך קאַמפערס און אַנדערע. מאַטאַנגב, וועלכע שפּילען זעהר גוט. אויסערדעם ווערט געגעבען א 2-אַקטיגע לוסטיגע קאָמעדיע.

[„פּאַלאַס"] עס ווערט געגעבען א גרויסע און שעהנע דאָפּעל-פּראָגראַם, וועלכעס בעשטעהט פון 2 פילמען, 1) פון א 8-אַקטיגער לוסטיגע קאָמעדיע „פריהלינגס-ליבע", און 2) פון א 8-אַקטיגע שטאַרק רירהרענדע דראַמע, א. ג. „אונגליקליכע פרויען".

ביידע בילדער בעזיצען א רייכען אינהאַלט, און זענען זעהר גוט אויסגעפיהרט. דאָס גוטע פּראָגראַם און שפּיל פון אַזעלכע 5 גרויסע שוישפּילער, ווי קאַרמען באָני, בעטי אַסטאַר, אינאַ סום האַנס יונקערמאַן און גוסטאַוו פרעהליך זענען א געוויינענדער בעוויז, וואָס פאַר פּראָגראַם דער צושויער האָט פאַר זיך.

[„קאַפּיטאָל"] דאָ ווערט געגעבען „די פרעהליכע מלחמה". דאָס בילד איז זעהר א שעהנס, און די אויספיהרער פון די הויפּט-ראָלען זענען דער גוטער שוישפּילער דוגלאַס מעקלין (דער חייס-העלד פון דעם שעהנעם פילם „דער גנב פון דמשק" און שעהנהייט שירלי מאַסאַן.

אויסערדעם ווערט נאָך געגעבען א שעהנער נאַכפּראָגראַם.

---

13 פאַר פאַר 1 טוץ | אינטערעסאַנטע נייעס !!! | 13 פאַר פאַר 1 טוץ

כדי איבערצוצייגען די ג' קונדשאַפט וועגען די ביליגקייט פון אונזערע שטרימף, האָבען מיר איינגעפיהרט א ראַבאַט-קווארקויף און צוואַר: ביי יעדען איינקויף גיבען מיר אַרויס 1 ראַבאַט-קופּאָן. אויסערדעם פערקויפען מיר אַלע אַרט שטרימף, טריקאָטאַזשען און הענדשקעס צו די

ביליגסטע פּרייזען:

זיידען-שטרימף בעמבערג	3.75 זל.
ספּעציעלע קוואַליטעט	6.00
זעהר דורכזיכטיגע שטרימף	6.50
שטרימף פון בעסטער קוואַליטעט	7.00
פיל דע קאָז	2.50
פיל דע פּערו	3.50

„Centrala Pończosznicza" ul. Południowa 3 (Piotrkowska 16)

Gimnazjum Żeńskie
JOZEFA ABA
w Łodzi, Zielona 10, tel. 22-12

איינשרייבונגען פון נייע שילערינס יעדען טאָג אין די שול-שעהן.
ביי דער שולע ווערט געעפענט א פּרעבלובסע.
דירעקטאָר י. אבא

לעזט און אבאנירט דאָס
„לאָדזער טאגעבלאט"

Bank Kupiecko-Kredytowy
w ŁODZI z ogran. odpow.
Zawadzka 11 Telefon 74-45 Zawadzka 11

ערלעדיגט אַלע אַרט באַנק-טראַנזאַקציעס
בעזיצט אייגענע קאָרעספּאָנדענטען אין גאַנצען לאַנד,
פיהרט אויס פּינקטליך אינקאַסאָ-אויפטרעגע,
ערעפענט א קרעדיטיוועס, פיהרט לויפענדע רעכנונגען
נעמט אָן וואָקלאַדען אהן אונטערשיד פון דער הויך.

די עלעגאַנטעסטע
הערען-היטען
עמפעהלט:
היימאַן טוראַבינער, פּיעטריקאָווער 82
— פראָנט-געשעפט —
צוליב א בשלוס פון זומער-סעזאָן ווערען פערקויפט זעמטליכע הערען-היטען
מיט 30 פּראָצ. ביליגער!!!
קומט און איבערצייגט אייך!

אכטונג, געעהרטע מיטגלידער סימפּאַטיקער און פריינד פון בית-היתומים (זגערזשער 40)

איהר ווערט דערמיט העפליך איינגעלאַדען צו קומען אין אייגענעם לאָקאַל, זגערזשער 40 זונטאַג, דעם 9 ד.ח. פּינקטליך 6 אַוו. צו דער גרויסער

אָרגאַניזאַציאָנס-פערזאַמלונג

געווידמעט דעם אפציטיבא-זאַך וואָס קומט פאַר דינסטאַג, ד. 11-טען ד. ח. מיר האָפען, אַז אונזערע ג. מיטגלידער און סימפּאַטיקער וועלען פערשטעהען אַקטוע-זען די גרויסע אויפגאַבע און קומען פּינקטליך צו דער א.ד. פערזאַמלונג.

די פערוואַלטונג פון בית-היתומים (זגערזשער 40).

מודעה לאַפרישא מאַיסורא

א) מען טאָר נישט קויפען פלייש ביי פּריוואַטע אָדער אַריינברענגערס, ווייל פיל אַזעלכע קויפען טרפה פלייש און פערקויפען אַלס כשר, צווישען זיי די פרוי מרים יאַקובאָוויטש מלינאַרסקאַ 4.
ב) די יאַטקעס, וואָס מיר זענען מפרסם, אַז זיי זענען נישט בהשגחת, איז צוליב מכשולים פון טרפות און חלב, ג) פאַר עטליכע וואָכען איז צווישען אַזעלכע געוועזען די יאַטקע פון משה גאַרשקעוויטש, דאַלנאַ 9, יעצט שטעלט זיך אַרויס א חשד פון פערקויפען טרפה פלייש אַלס כשר, ד) די יאַטקע פון מאַניא צימבעל וואָלבאָרסקאַ 4 און פון אברהם אָרדינאַנס אַלעקסאַנדריסקאַ 11 און פון משה קאַפּערמאַן אויף גאָשטשיני דוואָר זענען אָהן השגחה, ה) עטליכע וואַרשטען-פאַבריקאַנטען זענען אין חשד פון נוצען חאַסדער פעץ פון אונטער-טייל וועלכעס איז טרפה און פערמישט מיט חלב און זיי רעדען אויף די אַנדערע וואַרשטען-פאַבריקען, זענען מיר מפרסם, אַז מיר טראַגען נישט קיין פעראַנטוואָרטליכקייט פון וואַרשטען, ו) וועלכער קצב, וואָס וועט נישט אַכטונג געבען ביי קויפען פלייש עס זאָל זיין אויף די זייט א שטעמפּעל כשר לאָדז, און ביי א קעלבעל 2 בלאָמבעס כשר, ווי נאָך מ'וועט ביי איהם טרעפען אָהנע סטעמפּעל און בלאָמבעס וועט ער ווערען געאסר'ט ז) יעדער קצב זאָל זיך פערשטענדיגען מיט דעם מנקר און זאָל ביי איהם בריבערן גסות און דקות עס זאָל אַלעס ווערען געטריבערט דורך דעם מנקר און מסייע, ח) צוליב די גרויסע פרצות אין מכשולים, ליגט א חוב אויף יעדען יוד מיטצוהעלפען, אַז די יאַטקעס זאָלען קומען אונטער דער געהעריגער השגחה, דאָס איז נור אָנבעלאַנגען אין פערלאַנג פון די קונים' זאָלען זיך אינטערעסירען צו זיין זיכער, אַז זיי עסען כשר פלייש.

ועד הרבנים עם ועד הכשרות

פוילישע שפּראַך
ערלערנט גרינדליך דורך א קורצער צייט
הערט וואַסקאַרגיא 29, וו. 3.

Biuro Próśb i Porad
„Remington"
44 Kilińskiego 44

ערלעדיגט אַלעאַרט רעקורסען, ביטעס א.ד.ג. מיר ערלעדיגען אויך אַלע געריכטס-ענינים דורך איינגענע אַדוואָקאַטען, קלייזולעס און זאַבעזפּיעטשעניעס שנעל און ביליג. יורידישע עצות פון אַדוואָקאַטען אונענטגעלטליך. קאָרעספּאָנדענץ אין 5 שפּראַכען.

דער איינציגער אין פּוילען
ספּאָרט-צירק
אויף דאַמבראָווסקי-פּלאַץ
היינט, פרייטאָג, דעם 7 יוני 8.15 אין אָוונט ערשטקלאַסיגער אַרטיסטישער פּראָגראַם מיט די וועלט-בעריהמטע קאָמיקערס — **DIN-DON**
ווי אויך א טורניר פון אַטלעטישע קאַמפען צוליב'ן פּריז פון 10.000 זל. מיט'ן מייסטער פון פּוילען טעאָדאָר שטעקער. היינט, אין 7-טען טאָג קאַמפען: 1) וואַלאשעווסקי — בעלאַ ווייס, 2) שטעקער—שפּיעוואַטשעק, 3) שיבאָר—קוואַפּינסקי (דעצידירענדער קאַמף), 4) פּעטראָוויטש — שטערבינסקי. דער טורניר שטעהט אונטער דער קאָנטראָל פון אַנ'אינטערנאַציאָנ. אַטלעטן-פעראיין.

צו פּערדי געי
א געוועלב מיט א צימער
צו ערקינדיגען פּאַנסקאַ 75 ביי בעקער 2780

בעקאַנטמאַכונג
דערמיט מאַך איך בעקאַנט דאָס ג' פּובליקום אַזוי ווי עס האָט זיך געעפענט איינינע געשעפטען נאָכמאַכענדיג מיין פירמע ד. ה.
SALON CHŁODZĄCY
ערקלער איך דאָס איך בעזיץ נאָר אויף פּיעטריקאָווער 62 און אויף זאַוואַדזקאַ 17.
מיט אכטונג **Bernheim**

געדענקט!!!
אַז די פערפיליכטענדע מונדורקעס אין שולמאַנטלען ווי אויך די עלעגאַנטעסטע קינדער-קאָנפעקציע קען מען בעקומען אַמביליגסטען אין דער בעקאַנטער פירמע
מ. מיגדאַל,
לאָדז, גדאַנסקאַ 59.

א שותף
מיט א קאַפּיטאַל פון 700 דאָלאַר צו א גוט-געהענד קאַסע-געשעפט ווערט זאַפאָרט געזוכט. צו ערפאַהרען אין אַדמיניסטראַציע פון „לאָדזער טאַגעבלאַט" אונטער „700". בעט. אָנמעלדונגען ווערען אָנגענומען נאָר ביז מאָנטאַג, דעם 10-טען יוני איינשליסליך.

Pokój
przy rodzinie izraelickiej, Oddzielnie niekrępujące wejście do wynajęcia. Pożądane biuro lub skład. Ceg. 8 m .18

א פעהיגער יונגערמאַן
מיט גוטע רעקאָמענדאַציעס קען אויך ערלעדיגען בוכפירונג זאָגאַר שטונדענווייז זוכט בעשעפטיגונג. אָנטוואָרט אין אַדמיני. פאַר נומ' 274.

פאָלקס-אוניווערזיטעט ביי דער ציוני. אָרגאַניזאַציע
מאָרגען שבת, 8/6, 8 אָוונט אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (צעגעלניאַנאַ 4
העברעאישע שיחה
איבער פּראָבלעמען פון דער יודישער און אַלגעמיינער געשיכטע, מיט דער בעטייליגונג פון ד"ר פ. פרידמאַן
זונטאַג, 9/6, 8.30 אָוונט אין דעמזעלבען לאָקאַל פאָרלעזונג אויף ד.ט.: „ענטאַרטונג און ווידערגעבורט" (גלות און ארץ-ישראל) פּרעלעגענט: ד"ר י. ד. קאַנטאַרשטשיק (בערלין).
איינגאַנג פריי!

Dr. med. H. Gutsztadt
ספּעציאַל-אַרצט פאַר אַקושער און פרויען-קראַנקהייטען
Łachodnia 62 (Cegieln. 23) telef. 29-52
נעמט אָן פון 8 ביז 10 און פון 5 ביז 7 אָוונט.

א שידוך
אין לאָדז זיך געשעפטליך אויסהאַלטענדער מיטעלפערמעגליכער קויפמאַן, ווייטווער, אָהן קינדער, 59 אַלט, פרום אינטעליגענט, שפּראַכענקענער, פון בעסטער קראַקויער און לאָדזער פאַמיליע, זוכט שטענדיג אַנטווערפען אויך אין קראַקאַ שעהנע איינגעריכטעטע וואוינונג, נישט זיך מיט קינדערלאָזע ווייטווע אָדער פריילין, שנעדערין, ווע נייטערין, מאָדיסטין, אָהן נדן, צו פערהייראַטען. נישט אַנאָנימע, ווינשט פאָסט-רעסטאַנט. אָפּערטען אין יעדע שפּראַך צו שיקען
Z. Mędrzicki dla B. Warszawa
Żelazna 48

לאדזער טאגעבלאט

דער רעדאקטאר נעמט-אן פון 6 ביז 7 אין אווענט.
נישט בעשטעלטע מאנוסקריפטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.

אדרעס: „Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16, Skrz. poczt. 16
טעלעפאנען: פון רעדאקציע 57. אדמיניסטראציע 47.

די פאליטיק פון דער וואך.

די וועלט-פאליטיק שטעהט אויצט על פרשת דרכים. דער רעזולטאט פון די וואהלען אין ענגלאנד האט אריינגע-בראכט א שטוקעל בלבול-המוחות ביי די דיפלאמאטען. די ענגלישע וואהלען האבען געמאכט א שטריך אין זייער חשבון, און מ'ווייס נישט אין וואסערע ריכטונג עס וועלען זיך אויצט ענטוויק-לען די פאליטישע געשעהענישען.

אלעמענס אויגען זענען אויצט געווענ-דעט קיין לאנדאן, וואו מאקדאנאלד שטעלט צוזאמען זיין קאבינעט. מען כאפט אויף יעדעס ווארט פון מארגענ-דיגען פרעמיער פון גרויס-בריטאניען און מ'לערנט דערין פשט און רמז.

עס איז פאר אלעמען קלאר, אז אין דער אינטערנאציאנאלער פאליטיק וועט זיך אויצט אנהויבען א נייער קורס, הגם קיינער קען נישט גענוי בעצייכענען אין וואס דער דאזיגער קורס וועט זיך אויס-דריקען, וואסערע ממשות'דיגע רעזולטאטען ער וועט ברענגען.

עס איז זיכער, אז מאקדאנאלד'ס ערשטע שריט וועלען זיין צו זיכערן און צו פערפעסטיגען דעם שלום. אבער די פראנצויזישע און די פוילישע רעכטע פרעסע מיינט, אז די בעמיהונגען פון מאקדאנאלד'ן וועלען זיין אויף דער האנד פון די דייטשען: דייטשלאנד וועט מעהר פון אלעמען געניסען פון די ענג-לישע וואהלען. די רהיין-געביטען וועלען עוואקואירט ווערען, די דערנעהנטערונג צווישען דייטשלאנד און ענגלאנד וועט געהן מיט א שנעלען טעמפא, און דאס וועט געשעהן אויפ'ן חשבון פון פראנק-רייך און פוילען.

אז די דאזיגע בעהויפטונגען זענען נישט ריכטיג, בעווייזען די קורצע ער-קלערונגען, וועלכע מאקדאנאלד האט געגעבען פאר די פרעסע-פארשטעהער. פון די דאזיגע ערקלערונגען איז צו זעהן, אז מאקדאנאלד וועט זיך בעמי-הען מיט אלע מיטלען צו דערהאלטען דאס גלייכגעוויכט אין אייראפא, אוועק-צושטעלען דעם שלום אויף פעסטע און דויערהאפטע יסודות, נישט בע'עולה'נ-דיג דערביי קיין שום מלוכה. דער פעל-קער-בונד וועט אינגאנצען רעארגאני-זירט ווערען. ער וועט מוזען ווערען די אינסטיטוציע, וואס זאל נישט בלויז מיט'ן נאמען, נאר מיט זיינע מעשים בעשטעטיגען, אז ער שטעהט אויף דער וואך פון שלום. די געהיימע דיפלאמא-טיע וועט אבגעשאפט ווערען, אלע גע-היימע מיליטערישע אפמאכען וועלען בטל ווערען און שלום-גייסט וועט בא-הערשען די וועלט.

די אליארטען פון דער רעכטער פוי-לישער פרעסע, אז דייטשלאנד וועט אויצט אויסנוצען דעם נצחון פון דער לייבור-פארטיי צו ברענגען פאר'ן פאלק פון פעלקער-בונד די פראגע וועגען די פויליש-דייטשע גרענעצען, זענען דערווי-בער נישט בעגרינדעט. מאקדאנאלד וועט נישט דערלאזען ארויסצורוקען פראגען, וועלכע קענען בעדראהען זיין שלום-ווערק.

בלי ספק וועט די ארבייטער-רעגירונג אין ענגלאנד אויך קומען מיט קאנקרע-טע פארשלאגען וועגען ענטוואפנונג. כל זמן די פאבריקען ארבייטען אויף דער גאנצער וועלט קריגס-מכשירים, קען דער שלום נישט זיין געזיכערט. מעגען עקזיסטירען הונדערט קעלאג-פאקטען און מעגען אלע מלוכות אויפסניי פייער-ליך אונטערשרייבען דעם בעקאנטען קעלאג-פראטאקאל, וועט די סכנה פון א נייער מלחמה נישט פערשוואונדען, ווען מ'וועט כסדר זיך בעוואפענען. דעם ענטוואפנונגס-פלאן פון דער מאקדא-נאלד-רעגירונג איז לעת עתה נישט בעוו-וואוסט. אבער אז אזעלכער וועט קומען, אין דעם צווייפעלט קיינער נישט. אמע-ריקא זאל שוין זיין גרייט אנצוהויבען אונטערהאנדלונגען מיט ענגלאנד וועגען ענטוואפנונג אויפ'ן ים.

דער קאנקורענץ-קאמף צווישען אמע-ריקא און ענגלאנד וועגען בוי פון קריגס-שיפען, וועלכער איז לעצטענס דערגאנ-גען צום קולמינאציאנס-פונקט, און גע-בראכט צו פערשארפטע בעציהונגען צווישען די צוויי וועלט-מעכטע, וועט אויצט בעדייטענד געמילדערט ווערען. פונקט אזוי וועלען געמילדערט ווערען די בעציהונגען צווישען ענגלאנד און ראטען-רוסלאנד, הגם מ'ווייס נאך נישט אויף זיכער, צי מאקדאנאלד וועט אויצט זיך אזוי צואיילען מיט אנערקענען די סאוו-יעטען-מאכט.

דער נייער קורס אין דער וועלט-פא-ליטיק, וועלכער וועט איינטרעטען מיט'ן מאמענט, ווען די מאקדאנאלד-רעגי-רונג וועט איבערנעמען דעם מלוכה-רו-דער אין ענגלאנד, וועט לויט אלע ווארשיינליכקייטען אויך האבען א השפעה אויף דער מינדערהייטס-פאליטיק פון פעלקער-בונד.

שטרעזעמאנ'ס פארשלאגען וועגען ענדערן ראדיקאל די פראצעדור ביים דערלאנגען מינדערהייטס-פעטיציעס דעם פעלקער-בונד, האבען אויצט בעקו-מען שאנסען אנגענומען צו ווערען, הגם אפילו אין א געענדערטער פארם.

דער „קאמיטעט פון דריי", וועלכער האט שוין געהאט אנגענומען א בעשלוס אז די פארשלאגען פון דייטשלאנד און קאנאדע מכח דעם מינדערהייטס-פראגע ווערען אפגעווארפען, איז אויצט דעפאקטא פיקטיוו געווארען. טשעמבערלען איז ארויסגעפאלען פון קאמיטעט, און דער פארשטעהער פון דער מאקדאנאלד-רעגי-רונג, וואס וועט אהין אריין, וועט זי-כער האנדלען אנדערש ווי טשעמבער-לען.

דאס איז טאקע די סבה, וואס די איצטיגע סעסיע פון פעלקער-בונד — ראט, וואס דארף פארקומען אין מאד-ריד, האט צוליב די וואהלען אין ענג-לאנד פערלוירען איהר בעדייטונג. אין ענגלאנד האט א סעסיע פון פעלקער-בונד קיין שום בעדייטונג נישט.

שטרעזעמאן פאהרט אויצט קיין מאד-ריד אהן חשק, און ער וועט זיכער פער-לאנגען, אז די מינדערהייטס-פראגע, וועלכע איז איינגענטליך דער „מיטשוואך" פון דער היינטיגער סעסיע, זאל אפגע-לייגט ווערען. איבעריגענס, וועט אויך פוילען פערלאנגען, אז די מינדערהייטען-פראגע זאל אפגעלעגט ווערען אויף שפעטער. די לעמבערגער געשעהענישען האבען בלי ספק געשטארקט די דייטשע פאזיציעס אין פעלקער-בונד בנוגע דעם ש"ין פאר די מינדערהייטען. עס וועט שווער אנקומען די פוילישע דיפלאמא-טיע צורעכט צו מאכען דאס, וואס עס האבען קאליע געמאכט די ענדעקישע כוליגאנעס אין לעמבערג.

די מאקדאנאלד-רעגירונג אין ענג-לאנד פון איין זייט און די לעמבערגער געשעהענישען פון דער צווייטער, וועלען זיכער געשיקט אויסגענוצט ווערען דורך דייטשלאנד. דייטשלאנד פערבינדעט אבער נאך האפנונגען מיט'ן נצחון פון דער לייבאר-פארטיי.

די פערשטענדיגונג, וואס איז דער-גרייכט געווארען אין פאריז אויף דעם זאכקענער-קאנפערענץ, א דאנק וועלכע עס איז בעזייטיגט געווארען איינע פון די שווערסטע געפאהרען, וואס האבען בעדראהט דעם שלום אין אייראפא, האט אין די דייטשע רעכטע קרייזען מאקע א דאנק דעם זיג פון די לייבאריס-טען ארויסגערופען א שטארקע אומצו-פרידענהייט. די דייטשע נאציאנאליס-טען רעדען שוין אויצט וועגען בכלל נישט צאהלען קיין ענטשעדיגונג.

ווי מיר זעהן איז דער וועג צו פער-שטארקען דעם שלום און דערהאלטען דאס גלייכגעוויכט א גאנץ שווערער. ער איז פול מיט שטרויכלונגען, און אלע ווארטען דערווייל אויף די ערשטע מעשים פון דער מאקדאנאלד-רעגירונג צו זעהן, ווי אזוי זי וועט זיך ארויס-ווינקלען פון איהר פראנטווארטליכער און שווערער אויפגאבע.

בן משה.

א פאטער וועט מעהר נישט קענען פערלייקענען זיין קינד

א נייע וויכטיגע ענטדעקונג פון א דייטשען געלעהרטען

אויפ'ן קאנגרעס פון דער דייטשער געזעלשאפט פאר גינעקאלאגיע, וואס ווערט אויצט אפגעהאלטען אין לייפציג, האט פראפ. צאנגעמייסטער, פון קעניגס-בערג, אפגעגעבען א בעריכט וועגען א נייע מיטעל, וואס ער האט געפונען, פעסטצושטעלען די פאטערשאפט דורך א בלוט-פראבע פון פאטער און קינד. די זאך איז איינגענטליך נישט קיין נייע, אבער ביז-אהער איז מעגליך געווען פעסטצושטעלען דורך א בלוט-פראבע, אז די „אויספרובירטע" זענען נישט פא-טער און קינד; א דאנק דעם אבער נייע-דערפונדענעם מיטעל וועט מעגליך זיין פעסטצושטעלען אז די אויספרובירטע זענען יא פאטער און קינד, אזוי, אז דער פאטער וועט מעהר נישט קאנען פער-לייקענען זיין קינד.

די ענטדעקונג פון פראפ. צאנגעמייסטער איז א וויכטיגע ענטוויקלונג פון ד"ר לאנדשטיינער'ס ענטדעקונג, אז דאס מענשליכע בלוט איז פון פערשידענע סארטען, און מענשען טיילען זיך דערי-בער אויף פערשידענע בלוט-גרופען, לויט די בעזונדערע בלוט-אייגענשאפטען

פראפ. זאנגענמייסטער

דער שעפער פון דער מעטאדע פעסטצושטעלען די פאטערשאפט פונ'ם קינד.

פון יעדער גרופע. דאס איז זעהר וויכ-טיג צו וויסען ביי א בלוט-טראנספוזיע (בלוט-איבערגיסונג) פון איין מענש צום אנדערן. אין פאל פון א גרויסען בלוט-פערלוסט דורך אן אומגליקס-פאל, אדער אן אפעראציע, וועט א בלוט-טראנס-פוזיע קאנען העלפען נאר אויב דאס אי-בערגעגאסענע בלוט געהער צו דער זעל-בער בלוט-גרופע, ווי דאס בלוט פון קראנקען.

פראפ. צאנגענמייסטער האט ענט-דעקט א נייע מעטאדע פון בלוט-פראבע, וואס ווערט געמאכט נישט פון דעם ריינעם בלוט, נאר פון א בלוט-סערום. ביידע סערום'ס ווערען צוזאמענגעמישט, און אויב דאס צוזאמענגעמישטע בלוט ווערט גערונען, איז א סימן, אז זיי זע-נען פון פאטער און קינד; אין געגענפאל איז א בעווייז, אז זיי זענען נישט פון פאטער און קינד. דעם גערונענע ווערען פון בלוט-סערום קאן מען בעאבאכטען נאר מיט דער הילף א ספעציעלען אפא-ראט — דעם פאטאמעטער, און די גאנ-צע בלוט-פראבע קאן געמאכט ווערען אין משך פון א שעה.

עס וועלען אזוי ארום קאנען ענטדעקט ווערען א סך סודות פון פאמיליען-לע-בען, ווייל דאס בלוט וועט רעדען און שרייען פון די אדערן פון לעבעדיגען מענש.

די ראלע פון די יודען אין דער ענטוויקלונג און אויפבליה פון דער דיאמאנטען-אינדוסטריע

אנטווערפען דער גרעסטער דימיאנט-צענטער. — די פארטוגעזישע און שפאניאלישע יודען האבען איינגעפיהרט די דיאמאנט אינדוסטריע אין אנטווערפען אין 16-טען יאהר הונדערט. — די מזרח אייראפעאישע יודען פיהרען ווייטער דעם דיאמאנט-האנדעל. — די געוואלטיגע הכנסות פון דער בעלגישער רעגירונג פון דער דיאמאנט-אינדוסטריע. — אנטווערפען האט 4000 דיאמאנ-סוחרים און 25 טויזענד דיאמאנט-ארבייטער.

(א בריף פון אנטווערפען) — פון י. עליאש.

די בריליאנטען-בערזע אין אנטווער-פען האט די טעג געפייערט איהר 25-יעהריגען יובילעאום. אין שייכות דער-מיט, האט דער פרעזידענט פון דער בערזע, דער גרויסער יודישער סוחר ה' שמואל טאלקאווסקי, געהאלטען דורכ'ן ראדיא א רעפעראט וועגען דער דיא-מאנט-אינדוסטריע אין בעלגיען. די וויכ-טיגסטע אויספיהרונגען פון ה' טאלקאוו-סקי וויל איך דא איבערגעבען:

אין אנטווערפען האבען די פארטו-געזער און שפאניאלער פערקויפט שוין אין 16. יאהרהונדערט די דיאמאנטען, וועלכע זייערע שיף-געזעלשאפטען זענען געגאנגען זוכען אין אינדיען און בראַ-זיליען. נאר א דאנק די פארטוגעזער און שפאניאלער, וועלכע זענען געווען ווא-שיינליך יודען, דורך דער אינקוויזיציע ארויסגעטריבענע מאראנער, האט זיך ענטוויקעלט און אויפגעבליהט אין אנט-ווערפען די דיאמאנט-אינדוסטריע. און נאר א דאנק די מאראנער, וואס האבען אריבערגעטראגען זייער האנדעלס-טא-לענט אין האלאנד, האט זיך דא אזוי צעבליהט דער דיאמאנט-האנדעל. די דאזיגע מיינונג פערשטארקט זיך נאך דערמיט, וואס פיל ווערטער פון אלט-העברעאישער אפשטאמונג זענען נאך עד היום בענוצט אין דער דיאמאנט-אינדוסטריע אלס טעכנישע אויסדרוקען.

שפעטער אלס רעזולטאט פון די רע-ליגיעזע רדיפות אין די צייטען פון פי-ליפ דעם צווייטען און דעם דוקס פון אלבע, ווען די יודען, אזוי ווי די פרא-טעסטאנטען, זענען געווען געצוואונגען צו פערלאזען אנטווערפען, האבען זיי אי-בערגעטראגען די דיאמאנט-אינדוסטריע קיין האלאנד, וואו זי איז געבליבען די גאנצע צייט כמעט אויסשליסליך אין יו-דישע הענד, צוערשט אין די הענד פון די מאראנער און ספרדישע יודען, שפע-טער אין די הענד פון די מזרח-אייראַ-פעאישע יודען.

פון דער דאזיגער פריערדיגער צייט דאטירט זיך די ירידה פון דער דיא-מאנט-אינדוסטריע אין אנטווערפען און איהר כמעט גענצליכע פערשוואונדונג.

אבער די געשיכטע חזר'ט זיך איבער. עס איז געווען בעשערט, אז די יודען זאלען ווייטער שפילען א איבערוועגענדע ראלע אין דער דיאמאנט-אינדוסטריע, בעת די ענטדעקונגען פון די נייע מינען אין דרום-אפריקא. און אז זיי זאלען צו-ריק ענטוויקלען און בעפעסטיגען די דיא-מאנט-אינדוסטריע אין אנטווערפען אזוי ווי מיר קענען זי אויצט.

ווען מען קומט נאר אריין אין אנט-ווערפען, אין א טאג, וואס איז נישט שבת און נישט זונטאג און נישט קיין אנדערער יודישער אדער קאטוילישער יום-טוב, בעמערקט מען גלייך אויף דער פעליקאן-גאס, וואס ציהט זיך אין דער לענג פון דער באהן-סטאציע, א פערשי-דענארטיגע מאסע, וואס פערפילט דעם טראטואר און ציהט די אויפמערקזאמ-קייט מיט די שטארקע בעוועגונגען ביים רעדען. דאס זענען די „מחוץ-למחנה סוחרים", די, וואס האבען נישט קיין ערלויבניש צו האנדלען מיט די דיא-מאנטען אין די אפיציעלע לאקאלען און פיהרען דעם מסחר אויף דער גאס, אדער אין א קאפע-הויז. און אנטקעגען זעהן זיך א גרויסע מאדערנע געבוידע פון א שטרענגען סטיל, וועמענס פאראד איז פערשווארצט געווארען פון דעם רויך פון די לאקאמאטיווען. דאס איז די דיאמאנטען-בערזע, וואס פייערט אויצט איהר 25-יעהריגע עקזיסטענץ. און אויסערדעם, א חוץ דער געבוידע פון „דיאמאנט-קלוב" — א גאנצע רייהע היי-זער אויך פערשווארצט פון זעלבען רויך. דאס אליין שיינט צו זיין שטום מען הערט נוט קיין געריוש פון פאבריקען און מאשינען. דערפאר אבער קוקען ארויס צעהנדליגער פענסטער, וועלכע ווילען ווי אויסגעגלאצטע אוי-גען איינשלינגען און איינזאפען אין זיך דאס גאנצע ליכט פון טאג, ווייל דאס ליכט פון טאג איז פון א ערשטקלאסי-גער וויכטיגקייט פאר דעם דיאמאנט-מסחר.

אהן געריויש און אהן געפילדער בע-טראכט מען יעדען טאג ביי די אפענע פענסטערלעך אהן שטארען אין די פרוואטע און געזעלשאפטליכע לאקא-לען „סחורה" פאר מיליאנען. מען נייטיגט זיך נישט אין קיין גרויסע מאגאזינען, אדער לאגערן, נישט אין קיין שטאב פון בוכהאלטערס, קארעס-פאנדענטען און אנגעשטעלטע. א פענ-טער און א טישעל — דאס איז אלץ. דער פאקט, וואס דער דיאמאנט-האנ-דעל קען נישט ווערען געפיהרט אין קיין הויז פון מוסטערן, נאר די סחורה אליין מוז ווערען געוויזען — שליסט אוים יעדען ארט האנדעל פון דער ווייטענס, אדער יעדע ארט שפעקולאציע. דער קויפער, דער פערקויפער און דער פערמיטלער זענען שטענדיג דא דערביי. ווען מען קויפט. אדער פערקויפט סחורה קיין אויסלאנד, מוז דער סוחר אליין קומען קיין אנטווערפען אנקוקען די סחורה. און דערפאר האבען זיך גע-בילדעט אין אנטווערפען גרויסע געביי-דעס, וואו די קויפער און פערקויפער טרעפען זיך צונויף און זעצען זיך אוים ביי א טישעל, וואו מען בעקוקט מיט דער הילף פון א פערגרעסער-גלאז די דיאמאנטען און מען בעטראכט זייער ווערט און קוואליטעט.

דער מאדערנסטער פון די דאזיגע לא-קאלען און דער בעקוועמסטער איז די בערזע פאר דעם דיאמאנט-האנדעל, וועלכע פייערט אויצט דעם 25-יעהריגען יובילעאום פון איהר גרינדונג. און נאר א דאנק איהרע לאקאלען און איינריכטונ-גען האט אנטווערפען געקענט צוציהען די מעהרהייט פון די סוחרים און פון די דיאמאנט-אינדוסטריעלער פון דער גאנ-צער וועלט.

אנטווערפען צעהלט אויצט 4 טויזענד דיאמאנט-סוחרים, דורך זייער מיה און דורך דער איניציאטיווע פון די פאברי-קאנטען איז אנטווערפען געווארען דער וויכטיגסטער פונקט אויף דער וועלט פאר דעם דיאמאנט-האנדעל און אינדו-סטריע. די אנטווערפענער סוחרים פאה-רען קיין דרום-אפריקא, קיין בראזיליען, קיין בריטיש-גוויאנא צו קויפען סחורה פון דער ערשטער קוועלע און זיי פער-טיילען עס אין אנגרא און דעטייל צווי-שען די קליינע און גרויסע פאבריקאנ-טען פון אנטווערפען. דא אין אנטווער-פען געהען אדורך די דיאמאנטען די אלע פאזען פון פאבריצירונג, שניידען, פרוי-מירען, שלייפען און פאלירען. דא ווערען זיי פערוואנדעלט אין די בריליאנטען, וואס שיינען מיט זייערע טויזענדער אפ-גלאנצען פון יעדער גרוים, פון יעדער פארם, וואס ענטציקען יעדע פרוי, וועל-כע האט ליב געפעלען צו ווערען און צו בעזיגען יעדען מאן, וואס וויל זיין פערזיכערט מיט א טייל פון זיין פער-מעגען און צו זיין רוהיג פון יעדען אונ-אנגענעהמען סורפריז אין לעבען.

די אלע טענדענציעזע קלאגען, וואס זענען געווארען פערשפרייט דורך גרוי-סע פעראינטערעסירטע קרייזען, וועגען נייע דיאמאנטען-פעלדער, וואס מען זאל האבען געפונען אין אפריקא, האבען להיפוך, נאך מעהר פערשטארקט דעם ווערט פון דיאמאנט. געוויסע סארטען זענען נאך פיל טייערער געווארען, און דער דיאמאנט בלייבט ווייטער א קרן-קימת.

פון די 32 טויזענד דיאמאנט-ארביי-טער, וואס געפינען זיך אויף דער גאנ-צער וועלט, פערמאגט אנטווערפען אין איהר אומגעגענד 25 טויזענד, וואס בעט-רעפט 73 פראצענט פון דער צאהל אויף דער גאנצער וועלט, פיל פון די איבריגע 27 פראצענט אין אויסלאנד, ארבייטען אויך פאר אנטווערפענער פיר-מעס.

בערך פאר 2 מיט א האלבן מיליארד דיאמאנטען געהט אדורך יעהרליך דורך אנטווערפען און זיי ווערען פון דאנען עקספארטירט אין אלע וועלט-טיילען.

מען רעכענט ביי 22 טויזענד ארביי-טער אין אנטווערפענער פארט. זיי פער-דינען, ווען זיי ארבייטען א גאנצע וואך צו 400 פראנק. דאס מאכט אוים א סו-מע פון 440 מיליאן פראנק יעהרליך. ביים פארט, ווייסען מיר אבער, איז דא א שטענדיגע ארבייטסלאזיגקייט. די 23 טויזענד דיאמאנט-ארבייטער פון אנט-ווערפען און אומגעגענד זענען כמעט נישט געווען ארבייטסלאז די לעצטע צוויי יאהר. זיי פערדינען א סומע פון 600 פראנק א וואך דורכשניטליך, וואס עס מאכט אוים אנדערהאלבען מיליאן פראנק א וואך אדער 575 מיליאן יעהר-ליך. ווען מען זאל נאך צוגעבען צו דער סומע, וואס די 4 טויזענד דיאמאנטען-סוחרים, בוכהאלטערס, אנגעשטעלטע פון די פאבריקען, באנקירען, א. אז. וו. פערדינען און גיבען אוים יעהרליך אין בעלגיען און ווען מען זאל דערביי געדענקען אז אלץ, אז דאס גאנצע געלד קומט פון אויסלאנד און פליסט אריין אין לאנד אין אויסלענדישע וואליוטעס, און אז דאס געלד ווערט אויסגעגעבען אין בעלגיען אין לאנד — קען מען ערשט רעכט פערשטעהן די וויכטיגקייט פון דער דיאמאנט-אינדוסטריע און דיא-מאנט-האנדעל פאר דער סטאביליזירונג פון פראנק און פאר דעם עקאנאמישען לעבען פון בעלגיען בכלל און אנטווער-פען בפרט.

די יודישע קהלה אין דייטשלאנד

(ספעציעל פאר'ן „לאדזער טאגעבלאט") — פון ד"ר י. קאנטארשטשיק.

עס איז זעהר אינטערעסאנט צו פער-פאלגען די ענטוויקלונג פון דער יודי-שער קהלה אין דייטשלאנד אין די לעצ-טע יאהרען. עס איז נאך פריש אין אונ-זער זכרון די צייט, ווען די קהלה אין דעם דאזיגען לאנד איז געלעגען אין די הענד, פון אנטידעמאקראטישע עלע-מענטען, וואס די איינציגע זארג זייער איז געווען, צו דערהאלטען דעם רעלי-גיעזען קולט פון די סינאגאגען און פון דעם בית-הקברות. די שווערע קאמפען אויף דעם קולטורעלען און עקאנאמי-שען געביט, וואס האבען זיך אפגע-שפילט אויף דער יודישער גאס, האבען אין דער קהלה קיין אפקלאנג נישט גע-פונען. די זארגען און לייזען פון די ברייטע יודישע מאסען, האבען דער קהלה נישט בערוהרט. די קהלה האט כמעט גאר נישט רעאגירט אויף די וויכטיגע לעבענס-בעדערפענישען פונ'ם יודישען לע-בען, אויף די וויכטיגסטע געשעהענישען אין דער יודישער וועלט. די קהלה איז געווען ווי פאראליזירט. זי האט זיך אויפגעכאפט פון איהר לעטארגישען שלאף און איז געווארען „קאמפבערייט" ווען די „אסט-יודען", וועלכע וואוינען אין דייטשלאנד, האבען געפאדערט גלייכבערעכטיגונג אין דער יודישער קהלה. דאן זענען אלע קאמף-מיטלען אנגעווענדעט געווארען, אום די „מינדער ווערטיגע" צו האלטען ווייט פון דער קהלה. דאס איז איינער פון די שענד-ליכסטע קאפיטלען אין דער געשיכטע פון דער דייטשער יודישער קהלה.

אויצט זעהט דער ענין עטוואס אנ-דערש אוים. א דאנק דער „פאלקס-פארטיי", וועלכע געווינט אלץ מעהר סימפאטיע אינ'ם דייטשען יודענטום, האבען א סך קהלות אין דייטשלאנד בע-קומען א דעמאקראטישען פרצוף. אין דער שפיץ פון דער בערלינער קהלה שטעהט דער מיטגליד פון דער „פאלקס פארטיי", דירעקטאר קארעסקי. דער פאפולערער געזעלשאפטליכער טוער, דער גרינדער פון דער „פאלקס-פארטיי" ד"ר אלפרעד קליי, איז פון דער קהלה געוועהלט געווארען אלס איהר פאר-שטעהער אין דער פערוואלטונג. די קהלה פינאנסירט אויצט פערשיעדענע וועלטליכע שולען און סאציאלע איינ-ריכטונגען.

דער קאמף געגען דעם אנטייל פונ'ם „אסט יודענטום" אין דער קהלה איז שוואכער געווארען. די אנערקענונג פון דער שייכות מיט'ן יודענטום פון דער גאנצער וועלט, דרינגט אלץ מעהר אריין אין די מוחות פון די דייטשע יודען.

פיל קהלות האבען אין זייערע בוד-זשעטען אריינגענומען סומען פאר'ן „קרן היסוד". די דייטשע שטאטס-בור-גער פון יודישען גלויבען פערלירען אלץ מעהר זייער בארען.

מיר זענען נאך זעהר ווייט פון דעם אידעאל צו האבען א קהלה, וואס פער-איינוגט אלע שיכטען פון די יודען אין דייטשלאנד. עס שטעהט נאך פאר א שווערער קאמף, מיר זענען אבער זיכער אז סוף כל סוף וועט זיגען דער פרינ-ציפ פון דער דעמאקראטיע!

בעפאהר איהר פאהרט אויף ערהאלונג
געדענקט, אז די איינציגע ביליגסטע איינקויפס-קוועלע
פון אלערליי
קאסמעטיק
איז נאר די איבעראל בעוואוסטע פערפומעריע
י. דרוקער, זאוואדזקא 11 טעלעפ. 75-92
בעמ.: פאר אנגראסיסטען בעדייטענדער ראבאט.

יעדע שטערונג פון דער פערדייאונג, צופיל זויערקייט אין מאגען, נייגונג צו גאל-שטיינער, רייצונג פון דער שלעפע קישקע א. ד. ג. מילדערט און היילט דאס כסדר'דיגע בענוצען זיך מיט אלקאלישעס וואסער, וואס מען בעקומט דורך צולאזען אקטיווירטע, אדער מעגליכסט צו פריש נאטוראל - וואסער ענליך טאבלעטקעס Vichy פון מאגיסטער Klawe נישט ערזעצבאר אויף דער רייזע, ביים עסען אין רעסטאראן — צופיל נוצען אלקא-האל-געטראנקען א.ד.ג. צו בעקומען אין אפטייקען און אפטייק-סקלאדעס.

אומוויסענהייט פון די, וואס ווייסען

פון ד״ר א. קאראלניק

„ווען צוויי ענטוזיאסטען קומען זיך הײַנטיגע צײַטען צוזאמען כדי צו דיסקוטירען מעטאפיזישע פיזיק, נעמט זייער שמועס זעהר גיך אן, פריהער אדער שפעטער, א גאנץ אנדער ריכטונג. איהר האט זיי נאך וואס איבערגעלאזט פערטיפט אין א דיסקוסיע איבער די לעצטע ענטדעקונגען, אדער ווײַטערע אויגענע ספעציעלע פראבלעמען, און א שעה שפעטער וועט איהר זיי געפינען בײַ דער טעמע — וואס בעשעפטיגט איצט אלעמען — וועגען דער פערצווייפעלטער אומוויסענהייט. און דאס איז ניט קיין פאזע. עס איז אפילו ניט קיין וויסענשאפטליכע עניוות, ווייל זיי רידען אויס זעהר אפט א מין נאאיווע פערוואונדערונג ווי עס קומט, אז די נאטור זאל בעהאלטען איהרע גרונט־יסודות פון אזעלכע געוואלדיגע ענטפלעקער, ווי מיר האבען. מיר האבען פשוט זיך פערקורעוועט אן א זײַט אויף אונזער וועג, און אונזער אומוויסענהייט שטעהט פאר אונז אין איהר גאנצער דערשרעקענדער ווירקליכקייט. עפעס איז פאלש אין די פונדאמענטאלע בעגריפען פון פיזיק און מיר ווייסען ניט ווי אזוי זיי צו פערבעסערן".

ווערטער כמעט פון פערצווייפלונג. און דאס שרייבט ניט קיין פילאזאף, ניט קיין מענש פון ווערטער און טעאריעס, נאר א פארשער, א פיזיקער, אנ'אסטראנאם, איינער פון די ווינציגע וואס פערשטעהען אײַנשטײַן'ען אזוי גרונדליך, אז ער איז געווארען זײַן הויפט־מפרש. דאס שרייבט פראפעסאר עדינגטאן, אין זײַן לעצטען ווערק: „די נאטור פון דער פיזישער וועלט" (ז. 179).

און אנגעלאדען מיט דעם גאנצען וויסען פון אונזער צײַט, מיט אלע נײַע פארשונגען און רעזולטאטען — און דער עיקר מאטעמאטיק — קומט ער צו א מערקווירדיגען רעזולטאט: מיר ווייסען גארנישט. מיר ווייסען א סך ווייניגער ווי מיר האבען געמיינט אז עס איז געוואוסט.

עדינגטאן האט מיר צושטערט אנ'אילוזיע. איך האב זיך געוואלט טרייסטען: מילא, אין דער וועלט פון „גײַסטיגע ווערטען", ד. ה. דארט וואו עקספערימענט איז אונמעגליך, דארט וואו די מאטעמאטישע שפראך קען ניט בענוצט ווערען, אין דער וועלט פון עטישע, פסיכאלאגישע, מעטאפיזישע בעגריפען, דארט איז אלצדינג אומקלאר, כאאטיש, דארט איז נאך קיין זיכערקייט, אלצדינג איז בלויז השערה, סובּיעקטיווער צוגאנג, געפיהרט פון ווינטשען־מאטיוון און פון פערזענליכע איבערלעבונגען. אבער — אין דער פיזישער וועלט! דארט איז אלצדינג אזוי גענוי, דארט קען מען מעסטען, וועגען, דארט איז פארהאן אזא וואונדערבארער אינסטרומענט ווי מאטעמאטיק.

און מאטעמאטיק — ווי די פילאזאפירענדע ענטוזיאסטען גלויבען — איז דער בישוף־שלוסעל, וואס עפענט פאר אונז די סודות פון דער וועלט. „מאטעמאטיק האט אונז דערהויבען ביז צו דער אידעאלער וועלט פון ריינעם דענקען, וואס איז ניט אונטערווארפען צו דער בעגרענצונג פון ווערטער. מיר געהען ארויף אויף בערג, פון וואנען מיר דערזעהען די ארדנונג און די מוזיקע [?] פון דער וועלט". אזוי שרייבט — אין דעם לעצטען נומער „מאניסט", דעם פילאזאפישען זשורנאל פון שיקאגא — א נאאיווער אפטימיסט און פערגלויבטער אין דער מאדערנער וויסענשאפט. עס איז אהם ווייניג, וואס מיר זעהען די „ארדנונג" פון דער וועלט. ער זעהט נאך ווײַטער: „פרײַער ווילען, דעטערמיניזם, דער פרינציפ פון קאוזאליטעט, ציען אין רוים הויבען אן צו בעקומען קלארקייט" א. אז. וו.

גליקליך זענען די גלויבענדע, אפ לו ווען דער גלויבען איז — אין וויסענשאפט. און איך האב שוין אליין אויך [?] טייער ניט געוואלט אנהויבען צו גלויבען. [?] אז מיר ניט אינגאנצען געווען קלאר, ווי אזוי די נײַע פיזיק קען פערענטפערען אדער אויפקלערען דעם סוד פון פרײַען ווילען, דעם סוד פון סיבה און ווירקונג. אבער — איך ווייס: מאטעמאטיק!

קומט איצט א מאטעמאטיקער, א פיזיקער, אליין א גרויסער און טיפער פארשער, און האקט מיר אפ די פליגעל און זאגט מיר: וואס? וויסענשאפטען ערקלערען די אייביגע פראגען? ווער האט עס דיר געזאגט? פונקט פערקעהרט! מיר האבען בכלל ביז אהער געמאכט א גרונט־פעהלער. מיר האבען „געפינען" די אזוי־גערופענע נאטור־געזעצען — אבער גענומען האבען מיר זיי פון דער באאבאכטונג פון דער „גרויסער וועלט", פון דער וועלט פון גרויסע פלאכען [?]. אבער די קלײנע וועלט? אט די פערבארגענע, וואס לאזט זיך אפילו ניט זעהן דורך א מיקראסקאפ? און דאס איז דאך די ווירקליכע וועלט, דאס איז דאך דער פונדאמענט!

און דער אמת איז, זאגט ווײַטער עדינגטאן (ז. 228), אז מיר האבען זיך בעשאפען א פאלשען אידעאל פון א פולשטענדיגער בעשרײַבונג פון דער וועלט. עס איז א גרויסער ספק, צי מיר וועלען ווען עס איז זײַן ביכולת אויפצובויען א פיזישע וועלט בלויז פון דעם — וואס מיר ווייסען. און ער שטיצט זיך אויף דעם דײַטשען פיזיקער ווערנער הײַזענבערג, וואס האט געשאפען א נײַע טעאריע, דעם „פרינציפ פון אומגעוויסהייט". און דאס מיינט, אין הײַזענבערג'ס ווערטער: „מען קען גאר נישט אוועקשטעלען די פראגע אזוי, אז מען קען פאראויסזאגען די צוקונפט פון א פולשטענדיגער קענטניש פון דעם וואס איז געווען, מחמת עס איז ניט מעגליך לאגיש צו קענען פולשטענדיג די פערגאנגענהייט".

און אט דער נײַער פרינציפ פון הײַזענבערג, וואס ווערט פון די געלערנטע געשעצט פאר א וויסענשאפטליכער ענטדעקונג פון כמעט אזא ווערט ווי די טעאריע פון אײַנשטײַן, מיינט גאר איהר עצם: עס איז אונמעגליך צו ענטדעקען די סבה פון וואס עס זאל נישט זײַן. עס איז וויסענשאפטליך אונמעגליך צו בעשטימען: אט אזוי און אט דערפאר איז דאס און דאס געשעהן. און ווייל מיר קענען ניט אויסשעפען די פערגאנגענהייט, האבען מיר אויך ניט קיין גאראנטיע, אז אונזער בערעכנונג פון דער צוקונפט איז א ריכטיגע.

און דאס מיינט ווײַטער: אפשוואכען, אויב ניט אינגאנצען ליקווידירען, דעם בעגריף — נאטור־געזעץ.

א רעוואלוציע אין דער וויסענשאפט, א רעוואלוציע אין דעם גאנצען דענקען. מיר קומען — אף אומוועגען, אויף א זיגזאג־ליניע צו דעם אויסגאנג. מיר שטעהען, אזוי צו זאגען, ווידער אמאל בײַ דעם אנהויב.

וואס איז דען געווען דער געוואלדיגער אויפטו פון דער וויסענשאפט — און פון דער פילאזאפיע — ביז אהער? ארדנונג. געזעץ. דער העראקליטישער בעגריף פון „נאמאס" — געזעץ, וואס געהט פון אויבען ביז אונטען, וואס האט א שייכות פונקט אזוי צו דער פיזישער וועלט ווי צו דער מאראלישער. געזעץ הײַסט — נויטוועגדיגקייט, קיינער קען ניט ענדערן די וועגען פון דער נאטור. עס איז ניטא קיין קאפריז, עס איז ניטא קיין ווילען. איבער דער גאנצער אומענדליכער וועלט הערשט די „אנאנקע" — דער צוואנג. די פראגע איז בלויז געווען: ווער האט עס געמאכט דעם געזעץ און פארוואס אזוי און נישט אנדערש. דא האט זיך דער געדאנק אפגעשטעלט. דא האבען זיך די וועגען צעטיילט. דער פילאזאף האט געחקירהט. ער האט געוואלט זיך ארײַנטראכטען אין דעם פראצעס פון דעם וועלט־געשעהן, און האט זײַן ארדנונג, זײַן נויטוועגדיגקייט דערהויבען צו דער מדרגה פון א וועלט־פרינציפ.

און אפילו שפעטער, אפ לו ווען די אלטע נאאיווע מעטאפיזיק איז געפאלען, ווען קאנט האט זי אומגעווארפען — וואס איז געווען זײַן גרונט־געדאנק? ער האט זיך געשטעלט די פראגע: ווי אזוי איז וויסענשאפט מעגליך? פון וואנען נעמען מיר די זיכערקייט, אז די פונדאמענטען פון אונזער גאנצען וויסען זענען פעסט? און ער האט געפונען דעם ענטפער — אין אונזער דענקען אליין. ווייל מיר מוזען אזוי דענקען, — ווייל מיר האבען נאר נישט קיין אנדער מעגליכקייט צו זעהן די וועלט אין אנ'אנדער פארם ווי מיר זעהען זי — ד. ה. אין רוים, אין צײַט, אין סבה און פאלגע, דערפאר — דערפאר וואס? דערפאר איז טאקע די וועלט אזוי? דאס ווייסען מיר ניט, ענטפערט קאנט. מיר דענקען קריטיש, ניט ראמאנטיש, מיר זענען קריטיקער און ניט קיין מעטאפיזיקער אדער פאנטאזיארען. אבער הינטער זײַן גאנצער בעשיידענקייט און בעגרענעצונג האט געקלונגען דאס ווארט פון ספינאזא: „די ארדנונג און די פערבינדונג פון אידעען איז די אייגענע ווי פון די זאכען". בלויז ספינאזא האט עס געזאגט אויף זיכער — קאנט האט צוגעגעבען אן — אפשר. און קאנט'ס נאכפאלגער, די וואס זענען געקומען נאך איהם, אזוי צו זאגען ארויסגעהענדיג פון זײַנע פילאזאפישע לענדען, ווי העגעל, שעלינג, שאפענהויער א. אז. וו., וואס ווײַטער אלץ מעטאפיזישער, אלץ זיכערער. און דאס אלץ דערפאר, ווייל די פילאזאפיע האט געהאט איין גרויסע זיכערקייט: די נאטורוויסענשאפט, דער נאטור־געזעץ.

געקומען נײַע דענקער, ווי צ. ב. הײַנריך ריקערט, דער פראנצויז, בוטרו, בערגסאן, און האבען אנגעהויבען צו שטעלען נײַע גרענעצען, אמת, די נאטור־געזעצען, אמת, די נויטוועגדיגקייט, אבער דאס אלץ אין בעציהונג צו דער אויסערער וועלט, אונזער אײַגענע וועלט, די מענשליכע, די וועלט פון ווערטען, איז אנ'אנדערע: מיר זענען ניט אונטערווארפען אין אונזער פסיכישען לעבען דעם אײַזערנעם געזעץ פון נויטוועגדיגקייט. הערשט דארט — אין דער נאטור — געזעץ, איז אונזער סוד — די פרײַהייט. אדער ווי ריקערט האט עס פארמולירט: געזעץ אנטקעגען ווערט.

און ווידעראמאל איז צעשטערט געווארען די ארבײַט פון הונדערטער יאהרען, די ארבײַט פון — בויען א בריק איבער דעם תהום צווישן דער „אירדישע" און דער „זאר", און ווידעראמאל זענען מיר ארײַנגעקומען אין א צײַט פון — ווי העגעל האט עס אזוי שעהן געזאגט — „דעם אומגליקליכען בעוואוסטזײַן", ד. ה. דער בעוואוסטזײַן, וואס ווייסט, אז עס איז דא א צעריסענקייט און א שפאלטונג אין דער וועלט.

האט זיך די וויסענשאפט מתקנא געווען אין דער פילאזאפיע? ווייל זי ניט לאזען אליין דעם בעוואוסטזײַן? מחמת דאס, וואס אײַנשטײַן און הײַזענבערג האבען דערגרײַכט איז דאך — פילאזאפיש — ניט מעהר ווי אנ'אפלײַקונג פון דעם גרונט. די נויטוועגדיגקייט, דער נאטור־געזעץ האבען אראפגעווארפען דעם מאנטעל פון הײַליגקייט און זענען צוריקגעקומען צו די קוואלען.

„מיר ווייסען זיך ניט" — דאס איז דער לעצטער שלום. ניט נײַ, געווים. אין די לעצטע יאהרען פון דעם נײַנצעהנטען יאהרהונדערט האט דער בעוואוסטער דײַטשער נאטורפארשער דיובוא־ריימאנד ארויסגעלאזט א בערימטע געווארענע לאזונג: „איגנאראמוס עט איגנאראמוס" — מיר ווייסען ניט און מיר וועלען ניט ווייסען, קיינמאל ניט, גאר ניט.

און די וויסענשאפט איז אין כעס געווארען. מיר ווייסען ניט — איצט, אבער פארוואס דער „קיינמאל ניט"? די וויסענשאפט איז גראד דעמאלט געווען אזוי שטארק בײַ זיך, אזוי זיכער, געווען יסודות, געווען אנ'אייזערנע גרונט.

און קוים דרײַסיג יאהר שפעטער — דער אײַנציגער אויסגעשריי פון פערצווייפלונג — אדער פון צווייפעל. און מיט מעהר רעכט ווי פריהער. דאס ניוטאנישע וועלט־בילד צעשטערט פון אײַנשטײַן. די זיכערקייט פון דער וויסענשאפט געשטעלט אונטער א פראגע פון הײַזענבערג — וואס בלײַבט?

אבער — ניטא וואס צו פערצווייפעלען. וויסענשאפט איז ניט קיין טעאלאגיע, זי האט ניט קיין עיקרים. עס איז ניט קיין הײַליגקייט און קיין [?] ניט אן. וויסענשאפט הײַסט ניט מעהר ווי זוכען א וועג צו פערשטעהן. וויסען אליין מײַנט בלויז אויסטײַטשען, ניט מעהר. און עס איז גאר ניט נויטיג צו האבען א וויסענשאפטליכע „תורה", מען קען צוגעבען, מען קען מינערן, מען קען — מען מוז אפילו — פון צײַט צו צײַט רעווידירען דאס גאנצע וויסען, איבערפיהרען עס אויף נײַע וועגען, און בערטײַטשען.

„געלערנטע אומוויסענהייט" האט אמאל, מיט עטליכע הונדערט יאהר צוריק — אנגערופען די וויסענשאפט דער קארדינאל ניקאלאוס פון קוזא, דער קאטוילישער פילאזאף. געווים, ער האט פערט [?] דער הײַנטיגער נאטור־פארשער מער שרעקען זיך ניט. הלואי וואלטען אלע מענשען געקומען צו אזא מדרגה. הלואי וואלט „די גאנצע ערד פול געווארען פון דעם וויסען" — אז מיר ווייסען גארנישט, אז מיר פרובען בלויז צו פערשטעהן — אלץ טיפער, אלץ גענויער, בעפרײַען זיך פון אלע ווערטען, פון אלע פערגלײַוועכטיגקייטען.

דאס איז פרײַהייט, דאס איז דענקען. און ווען עס וואלט געלעבט דאנטע אין געשריבען זײַן „געטליכע קאמעדיע" וואלט ער ניט אנגערופען דעם לעהרער פון זײַן צײַט — אריסטאטעלעס — „דער לעהרער פון די וואס ווייסען", נאר „דער לעהרער פון די וואס ווייסען ניט". מחמת נאר די גרעסטע ווייסען ניט. בלויז די טעאלאגען, נאר די גאנצע פרימיטיווע מענשען, נאר קינדער „ווייסען", ווייל זיי פערשטעהען ניט. ווײַל זיי ווייסען גאר ניט וואס דאס מיינט ווייסען.

און ווײַטער? און דערנאך? קומען מיר סוף־כל־סוף צו דער מיסטיק? עס קען זײַן, ווען עס וואלט נאר געווען אן אײַנשטײַן פון דער מיסטיק — אײַנער וואס זאל אויך דארט רעווידירען די אלטע סיסטעמען! אדער אפשר איז דאס צופיל פערלאנגט פון דעם מענשען. סוף כל סוף — א „קנה רצוני". א צו־שווערע ארבײַט פאר דעם מענשליכען מוח.

—ס—

ל״ג בעומר אין מירון

אינטערעסאנטע סצענעס און בילדלעך בײַ'ם קבר פון ר' שמעון בן יוחאי

(ספעציעל פאר'ן „לאדזער טאגעבלאט")

פון א. ז. בן־ישי.

די אויגען פון יודען אין דער גאנצער וועלט זענען אין טאג פון ל״ג בעומר געווענדעט צו מירון, וואו עס איז בעגראבען ר' שמעון בן יוחאי. דאס קלײַנע שטעטעל ליגט בעהאלטען צווישען די בערג פון גליל העליון. אויב איהר קוקט פון מירון אראפ אויף צפת, אין דער נאכט, קומט אײַך פאר גאנץ צפת, ווי א ווײַסע שיף אין א ים פון בערג; געפינט איהר זיך אבער אין צפת און בעטראכט פון דארט דאס פיצינקעלע מירון, מײַנט איהר, אז פאר אײַך שטעהען קלײַנע שפילצײַג־הײַזער פון ווינציגע שטײַנער, פונקט ווי די, וועלכע זענען אויסגעשטעלט אין אגריקולטור־מוזעאום אין ירושלים. פון צפת קיין מירון געהט מען אמיסטענס צופוס, ווייל אפילו די, וואס רײַטען אויף אייזלען, געהען דאך סוף כל סוף אויך צופוס. צפת'ער אייזלען זענען זעהר נידריג און בײַם זיצען אויף זיי בעקומט מען א נישט בעקוועמען שטעלונג [?], אזוי, אז דער, וואס רײַט אויף זיי, האט צו זינגען און צו זאגען און האט נישט קיין אנדערע ברירה ווי, במה לה, צו שלעפען זיך קיין מירון נעבען אייזעל. די צפת'ער אייזלען קענען אויסגעצײַכענט דעם וועג קיין מירון, הגם זיי קומט אוים צו געהן אים בסך הכל איין מאל אין יאהר, אין ל״ג בעומר. און זייערע בעלי בתים ווארטען טאקע אויף דעם דאזיגען טאג א גאנץ יאהר! אמת, פאר די לעצטע פאר יאהרען, איז געלעגט געווארען דער שאסעע פון צפת קיין מירון; און עס האבען אנגעהויבען צו קורסירען אויטאמאבילען, און דער אײַזעל האט לגמרי פערלוירען זײַן גלאנץ. דער אויסגעפלאסטערטער שאסעע האט צוגענומען א העלפט פון דער פאזיציע פון דער גענענד און עס האט זיך שארף פערקלענערט די צאהל פון די דילטער [?], וואס פלעגען געהן צופוס קיין מירון. דאקעגען אבער, האט זיך פערגרעסערט די צאהל טוריסטען.

דער יארצײַט פון ר' שמעון בן יוחאי איז נישט סתם א יאהרצײַט, עס איז נישט גלאט א הזכרה נאך א צדיק. צו אזא הזכרה האט נישט זוכה געווען קיינער פון אונזערע מלכים, נביאים און תנאים; עס איז זעהר שווער צו פערשטעהן די בעדײַטונג פון דעם יאהרצײַט, אײַגענטליך איז ר' שמעון דער פערמיטלער, דער געהײַמניספולער מענש. דער פערפאסער פון'ם געהײַמניספולען זוהר, וועלכער קען לײַטער צום הימעל. און זײַן האנט קען מען אהן שום צווײַפעל און שרעק, איבערגעבען אלע בקשות, תפלות און תחנות מוגדליך און שרײַפליך [?]. א ירושלמ'ער יוד האט מיר איבערגעגעבען א לאנגען ברוף (לויט'ן רעכענונג פון די צײַטונגס־מענשען. אין דער גרויס פון א דרוק־בויגען) פאר ר' שמעון'ען, ארײַנצושטעקען אין זײַן קבר. דעם ברוף האב איך ניט געלעזען. איך האב איהם ארײַנגעשטעקט אין געהײַליגטן ארט. ווער ווייסט אבער ווי לאנג מען וועט איהם דארפען לײַנען? דער יוד האט דאך דארט ארײַנגעלעגט מסתמא א העלפט פון זײַן נשמה, און ווער ווייסט, ווי פיל טרערען ער האט אויף דעם ברוף פערגאסען. איך בין נאר געווען אנ'אמת'ער שליח און אפגעפיהרט די טרערען קיין מירון...

א, אין מירון פעהלט לגמרי נישט קיין טרערען, מירון איז א מיטאלאגישער יאנוס: א האלב פנים לאכט, די צווייטע העלפט — וויינט. דער איבערגאנג פון געוויין צום טאנץ איז זעהר קורץ. אין דער געבוירדע פון'ם קבר צווישען טויזענדער לויכט און לאמפען, און קאנאניקעס שטעהען דערוואקסענע יודען און ווײַנען, אשכנזים בעזונדער, ספרדים בעזונדער. יעדע עדה געפינט האלבען קבר, וואס געפינט זיך אין איהר רשות. און דורך די היץ, רויך, ריח פון פאראפין און בוימעל, געוויין און הימעל־געשרײַען, בעקומט איהר דעם אײַנדרוק, ווי ר' שמעון האט ערשט געענדיגט צו זאגען „וידוי" און פערמאכט די אויגען...

צו ר' שמעון'ס קבר קומען אײַגענטליך נאר מאנסבילען. זעהר זעלטען פערגנב'עט זיך אויך א יודענע, וועלכע מוז נעבעך גלײַך אפטרעטען איהר ארט אונטער די אויסרופען פון די מאנסבילען: ס'טײַטש, ווי קומען אהער נשים?

דערפאר האבען אבער די ווײַבער, אזוי צו זאגען, געגעבליך מאנאפאליזירט ר' אלעזר (ר' שמעון'ס זוהן), וועלכער איז געווען, ווי די גמרא דערצעהלט, א זעהר שעהנער, דא פיהלען זיך שוין די פרויען, ווי בײַ זיך אין דער היים, דא גיסען זיי אוים זייער גאנץ בומער [?] הארץ.

אונגאנצען א צווײַ מינוט פון'ם קבר ענטפלעקט זיך א שפאגעל־נײַע וועלט. דער גרויסער הויף און פלאכער דאך איבער'ן קבר, די בימה אונטען דאך, און די טרעפ, וואס פיהרען צו זיי, אלץ שאלט פון געזאנג, מוזיק און טענץ. אלע צפת'ער כלי־זמר, זינגער האבען זיך מאבילוזירט. די צפת'ער זינגער זענען בעוואוסטע מנגנים. פרינציפיעל זענען זיי געגנערס פון נאטען. אבער ווען זיי הויבען אן צושפילען, הויבען זיך די פיס אליין צום טאנץ. עס איז שווער אײַנצושטעהן פאר צפת'ער כלי־זמרים.

און די טענצער זענען אויך ל״ג בעומר'דיגע טענצער. פון אנהויב אן טאנצען די אשכנזים בעזונדער און ספרדים בעזונדער, מאנכעס מאל דערוועקט זיך בײַ זיי א קאנקורענץ. אײַנער ווייל איבערשטײַגען דעם צווייטען. גאר צום סוף פעראײניגען זיך זיי. דער טאנץ מייסטער איז א מבריה'ער יוד, וועלכער האט שוין א „חזקה" דערויף.

די אמת'ע פײַערונג הויבט זיך ערשט אן מיט דער „הדלקה" (אילומינאציע), וועלכע ווערט יאהר איין, יאהר אוים פערקויפט פאר א הויכען פרייז. דאס יאהר האט זי אפגעקויפט א רײַכער ספרדישער יוד פון מצרים מיט זײַן ווײַב, א שעהנע, קינדערלאזע פרוי. און עס איז ווערט געווען אנצוקוקען דאס פנים און די שטראהלענדע אויגען פון דער דאזיגער פרוי, ווען זי איז א פערצוטערטע צוגעגאנגען צו דעם גרויסען בעקן, אנגעפילט מיט בוימעל „להדליק". רבונו של עולם! וואס אזוינס האט די פרוי אין דער מינוט געזעהן, וואס איז איהר פנים פערענדערט געווארען, וואס האט זי אזוי געצוימערט? וואס האט זי אזוי געצויגען צום פײַער און [?] שטויסען פון איהם? האט זי דען געזעהן ר' שמעון'ען, אדער אפשר גאר דער געבורטס־מלאך האט זיך איהר בעוויזען?

און נאך די הדלקה הויבט זיך אן די צווייטע טייל טענץ, מען טאנצט אונטען אויפ'ן הויף, מען טאנצט אויבען, אויפ'ן דאך ארום די זײַדענע, פורפורוואלע און פײַערע קליידער, וואס ברענגען אויפ'ן פײַער.

„בר יוחאי, בר יוחאי, נשמחת אשריך
שמן ששון מחבריך" — —

(ווויל איז דיר, זוהן פון יוחאי: בנזט [?] דורך דײַנע חברים געזאלבט געווארן מיט דעם שמעקענדיגען בוימעל).

גאנץ שפעט בײַנאכט ווערט דער טאנצענדער עולם מיד און אײַנגעפארבונג [?] ווערט אויך דער גרויסער עולם צושוויגען. דאס פײַער פון דער אילומינאציע הויבט אן אויסצוגעהן און עס דוכט זיך, אז באלד וועט זיך ענדיגען די חתונה. ביז דער נײַער חתונה — און א גאנץ יאהר — און צווישן — וואכעדיגע טעג מיט דאגות פרנסה. און דער מענש איז דאך קיין מלאך און ווער ווייסט, אויב וועט מען ווידער זוכה זײַן צו טאנצען אויף ר' שמעון'ס קבר? עס ווילט זיך דערפאר נישט אוועק פון דארט אזוי גיך. נאך אביסעל, נאך א שטיקעל צײַט.

בעזונדערס ווילט זיך פון דאנען נישט אוועקגעהן אט יענער קלײַנער גרופע בראצלאווער חסידים, וועלכע האבען געטאנצט אויפ'ן דאך. שטיל איז געווען זייער טאנץ אהן שום מוזיק, אבער רבונו של עולם, ווי רירענד איז זייער רקוד, זייער לײַבלאזיקייט, זייער אויפגעהויבענע קאפ, מיט פערמאכטע, מחמת דבקות אויגען.

פארטאג, ווען עס פאלען אראפ די שווערע טוי־טראפען, און פון די בערג הויבט אן צו בלאזען א קאלט ווינטעל, ווערען די פיס, ביסלעכווייז, אויסגעמאטערט. דאס אײַנציגע ארט, וואו מען קען זיך דורכשלאפען איז — דער מושב זקנים און די ישיבה אויפ'ן נאמען פון ר' שמעון בן יוחאי, וואס געפינט זיך אויפ'ן שפיץ פון יענעם בערגעל, נאר דארט איז שוין אלעס בעזעצט דורך די, וועלכע האבען זיך צוגעאײַלט.

איך האב זיך געלאזט געהן צו דער הײַל, וואו עס ליגען די בית־הלל. געגענאיבער אויף א בארג געפינט זיך דער קבר פון די בית־שמאי. און מערקווירדיג: דער קבר פון די בית־הלל איז זעהר שעהן. אלע שטײַנער זענען גאנץ, ווי זיי וואלטען ערשט נעכטען אויפגעבויט געווארען. דער קבר פון בית־הלל איז, אזוי צו זאגען, א „פרעהליכער" קבר, דורכגעזאפט מיט אפטימיזם און לעבען. עס איז דארט שווער זיך צו לאנגווײַלען. אויך דא ברענען פיל לויכט און בוימעל־לאמפען, און עס הערט זיך דאס קלאגען פון די ווײַבער, פונקט ווי אויף ר' אלעזר בן שמעון'ס קבר.

גאנץ אנדערש זעהט אוים דער קבר פון די בית־שמאי. א נידריגע הײַל, וואו מען דארף קריכען און נידערן, אהן א שום מצבה. נאר א קופע קלײַנע און גרויסע שטײַנער, און ווי לאנגווײַליג איז דא! א שמש, א ספרדי, מיט טריבע אויגען זיצט דארט גאנץ אליין און ווארט צו בעקומען א „באקשיש". אײַנזאמע לויכט צאנקען טרויעריג. דער דאזיגער קבר ווערט אויך ווייניג בעזוכט. ווער וועט דען בעזוכען „א בײַזען זקן"? איך האב אין דער מינוט מיטלייד געהאט מיט שמאי'ן. סוף כל סוף איז ער דאך מסתמא געווען א וואוילער יוד.

און צוריקגעהענדיג צו די בית־הלל, בין איך צוגעגאנגען צו דער שעהנער מצבה, וואס געפינט זיך נאהענט פון די בית־שמאי. עס האט מיר עמיצער געזאגט, אז דאס איז דער קבר פון בערוהמטע כהנים. דער שמש, דער ספרדי, האט מיר געזאגט, אז דא ליגט נאך שמאי'ס שנור. מיט וואס האט זי זיך דאס פערדינט אזא שעהנעם קבר?

נישט ווײַט פון דארט, אויפ'ן שפיץ בארג, ליגט א גרויסער שטײַן, וואס איז ענליך צו א שטוהל. דער שמש האט מיר געזאגט: דאס איז דער שטוהל פון אליהו. פון דאנען וועט אליהו הנביא בלאזען שופר און אײַנזאמלען די פערשטויסענע יודען. דא איז דאך דער אויבערשטער גליל, דער העכסטער פונקט אין ארץ ישראל, און ארץ ישראל איז דאך העכער פון אלע לענדער. פון דאנען וועט מען דאס געבען די ערשטע תקיעה, אז דער גואל־צדק וועט קומען...

—0—

ראקעטען

א זאמלונג קאלאמבורען

פון א מ י ק (לאדז)

איבערדרוק פערבאטען

די גרעסטע העלדישקייט איז פון א הומאריסט, ווען ער האט חתונה און קען נאך דער חתונה ווײַטער בלײַבען א — הומאריסט...

•

בײַ א סך מענשען בעשטעהט דער הויפט־אינטערעס צום לעבען אין פאלגענדע דרײַ זאכען: „שארפע" מאכלים, „שטארקע" משקה און דאס — „שוואכע" געשלעכט...

•

פרויען נעמען לײַכטער צו געווינען, איידער — שכל...

•

פארהאן א סך גוטע פליוטיסטען, וואס בײַ זיי אין דער הוים פײַפט — דער דלות.

•

ס'רוב קצבים האבען נישט ליב צו שעכטען קיין אקס, נאר א גוטע בהמה, איז טאקע קיין חידוש נישט, וואס אויף דער וועלט דרעהען זיך ארום אזוי פיל — אקסען...

•

ווען א פרוי הויבט אן ניט צו לעבען מיט איהר אייגענעם מאן, איז א סימן, אז עס ווילען שוין מיט איהר נישט גוט לעבען די — פרעמדע מענער..

•

לאכען איז זעהר געזונד, אבער ניט בשעת — ראזירען...

•

די געפעהרליכסטע מענשען זענען „שווארצער": נישט איין מענש האבען זיי — שוין — „איבערגעפיהרט"...

•

ס'רוב פרויען זענען שווארץ־קונסטלער: — זיי קענען מיט אלע די קונסט זייערע מענער דאס לעבען — פערשווארצען...

•

אין אפגאניסטאן מוז אמאנולא שווער קעמפען בײַם אײַנפיהרען די רעפארם, פרויען זאלען טראגען אויפגעדעקטע פנים'ער, און בײַ אונז, אין אייראפא זענען די פרויען־פיס שוין באלד אויפגעדעקט ביז צו די — רעפארמען...

ארטור שיק

פון
יצחק קאצענעלסאן.

א.

א קשיא אזעלכע איז דא, נים קיין שפאגעל נייע, נאר א קשיא, אויף וועלכער מען בעקומט נים אזוי באלד און נים נאר קיין קלארע תשובה; דאס איז די קשיא וועגען קונסט.

— וואס איז דאס אזוינס קונסט?

פרעגען פרעגט זיך די קשיא לייכט, ביים פערענטפערן זי שטאמעלט מען אבער אביסעל צו. די קלוגסטע פון אונז די געשליפענסטע צונגער שטאמלען דערביי אביסעל צו.

— קונסט, וואס איז אזוינס קונסט?

— דאס לאזט זיך שווער דעפינירען מיט קורצע, קלארע דבורים.

עפעס בעפאלט אונז א שטיקעל שרעק פון דער פראגע, מיר זענען מאקי קלוגע, בעהאווענטע מענשען, מיר זענען מאקי צו בוכלעך, געלאפט אין דער מעשה, ס'הייסט מיר האבען א שטיקעל שייכות צו אזהר צו דער קונסט.. נאר נעמען אויף זיך דאס אחריות און ערקלערען, אזוי „אויף קלאר", דעם מיין, דעם תוך אזהרען — מען קרוגט דערפון א שטיקעל קלאפונג און הארצען מען ענטפערט, פערשטעהט זיך, נאך אנשטאט קלארע דבורים — שטאמעלט מען.

קונסט, וואס איז אין יעדען פון אונז איינגעהויכט געווארען, ווי א נשמה, איז אבער אונקלערליכער, ווי די נשמה אונזערע. א נשמה איז ממשות'דיגער פון דעם געפיהל פון קונסט, וואס לעבט אין אונז, און דאך ווערט זי, די נשמה אין ווערטען פון אונז, אמאל פערגרעבט און מאנכעס מאל שטארק שטארק פערגרעבט. מיט'ן קונסט-געפיהל אונ'ם מענשען איז עס נאך טרויעריגער, איינציגע קונסט-פערגרעסענע קומען גאר נישט אין בעטראכט, עס זענען דא פעלקער גאנצע, מדינות גרויסע, וואס פערשטעהען צו „מאכען א לעבען" אהן דער אזוי גערופענער מטרוניתא קונסט. עס זענען דא פעלקער וואס האבען זיך לא-עלינו אויסגעניכטערט וואס די קונסט-טעמפלען זייערע זענען פערלאזט, די וועגען צו זיי זענען פערוואקסען מיט גראז, און דא זענען אזעלכע אויפגעקומענע מדינות וואס ווייסען נאר נישט אט פון דער פלאג, פון דעם מין בית-מקדש. אזוי צו אזוי — דער געפיהל פון קונסט וואס איז דעם מענשען געשאנקען געווארען מששת ימי בראשית איז ווי אטראפירט געווארען ביי בריימע מאסען און געפינט זיך ערגיץ אין בעזונז, צו און האלבען בעזונז צו נאך איז א קנאפערן מאס ביי יחידים.

א נס איז געשעהן מיט א קליינע משפחה יחידים, ווי מיט די גרויסע וועלט פון מבול. פון די יחידים העגנט אפ א וועלט! דערויבער צאצקעט מען זיך מיט די עטליכע כהנים, פון זיי דארף קומען די ישועה. פון יעדער בעוועגונג זייערע ווערען מיר געגעזעגנט און געהאלפען, דערויבער צוטערן מיר איבער יעדעס קונסט-ווערק, איבער יעדער שאפונג, וואס וויפיל האט געפעלט און די שאפונג, וואס ברענגט אונז טרייסט, זאל נים האבען געווען? יעדע שאפונג איז דערויבער א גוט ערווארטעטע ענטפלעקונג, מיט'ן שכל-הישר בענעמען מיר עס נישט, מיר מעגישען פון א גאנץ יאהר.

טרעפט דען נישט, לוים אונזערע השגות, מיט יעדער שאפונג דער נס, וואס עס טרעפט מיט יעדען נאכט-וואנדלער?

ב.

אויב אזהר האט זיי נישט געזעהן מיט אייערע אייגענע אויגען די נאכט-וואנדלער, נישט אנגעקוקט זיי בשעת זיי גיבען זיך א הייב אויף און מיטען נאכט פון זייער געלעגער און מאכען און שלאף און טופען און מיט אויפגעריסענע אויגען זייערע שווערען וועג, דעם וועג, אויף וועלכען זיי האבען ביי טאג נישט געקענט בעטרעטען — אדרבא, פרובירט און קלעטערט וואנטער העכער אויף גליטשע ווענט!

אויב אזהר האט עס בעשיינפערליך נישט געזעהן, געהערט האט אזהר פון זיי, פון די נאכטוואנדלער? זיי מאכען אותם אזוי פשוט דעם וועג אויף דער גלייכער וואנד, זיי האלטען זיך אזוי לייכט דארט, ווי עס איז נימא קיין אנהאלט... אזהר בלייבט נאר פערשטיינערט שטעהן און שרייט נים אויף, מאמער דערזעהט אזהר די ביינע וואנדער, האלט אין דעם פערלאפען אטעם איינערן, ווייל מאמער רייסט ער זיך צוליב אייך אויף פון שלאף פונ'ם טופען, פונ'ם וואונדערליכען און ער אפערפאלענער...

דער נאכטוואנדלער א, ער האט קאנצענטרירט אלע זיינע כחות אויף א אומעגליכקייט, אויף א קליינע אומעגליכקייט, אויף דער גלייכער וואנט, ער האט אויף אזהר אויפגעריסען די אויגען און געמעלדעט זיך איבער זיי... קוקט און עס לאפט א צוטער און — שא!... דער מונדסטער פונקן איז קאטאסטראפאל, ער קען חלילה אומברענגען דעם נאכטוואנדלער.

אזך רייד פון נאכטוואנדלער און מיינען מיין אזך אבוסלוע דעם קונסטלער. עפעס-וואס לאזט אזהם, דעם קונסטלער נים שלאפען. איז עס נים דאס ווערק דאס פערטראכטע, וואס מאכט א מענשען שלאפלאז?

דאס ווערק, דאס קונסטלערישע — איז עס דען א מין קרובען אויף גלייכע ווענט? א מין אונמעגליכער שווערער וועג, וואס ער האט אדורכגעמאכט מיט א וואונדערליכע פשטות. א מין נס, וואס האט פאסירט מיט איינעם פון אונז אויף וועלכען מ'דארף בענשען גומל?

אז ער כאפט זיך אויף, דער קונסטלער און דער פרוה נאך א נאכט אפוואנדלען, און זעהט דאס ווערק זיינס, דאס ליכט וואס ער האט אויפגעשעפט פון תהומות זיינע פינסטערע — רופט ער פאר וואונדער אוים: ווער? איך מאקי? נים שוים ושין איך? ווען איז דאס וואונדער געשעהן?

איז דען נים דער מאמענט פון שאפען א מאמענט פון זיין און א נים-פאהר? א מאמענט פון העגגען און דער לופטען? מ'האט זיך אפגעריסען פון געוועגליכע אל-מאג-לעבען, פון דער ממשות'דיגער ערד און געבליבען העגגען אין דער לופטען... און כל זמן מען איז אין דער לופטען — הוט זיך, רבותי מיט א פוטשע, מען קען פערליזרען דאס קונסטווערק און דעם קונסטלער.

א גרוים ווערק, א קונסט-ווערק וועט איינער זאל האבען געשאפען, הייסט האבען געווען און א געפאהר, פון וועלכער ער האט זיך גלוקליך געראטעוועט. עפעס-וואס נים איז — און דאס ווערק וואלט חלילה נים געזעהן דאס ליכט פון טאג. וואס גרעסער דאס ווערק אלץ גרעסער געווען איז די סכנה. דאכט זיך וואס קען שוין זיין פשוט'ער ווי דאס גרויסע ווערק? ס'איז אבער געווען א העגגען אין לופטען, א קרובען אויף גלייכע ווענט.

ג.

שיק, דער קונסטלער שיק האט נאך עפעס פון א נאכטוואנדלער: ער מאכט דעם שווערסטען חשבון אויף איין זייטעל. ביישטאג וועט דער פער'חלומ'טער נאכטוואנדלער דעם חשבון בשום אופן נים אויפלייזען, ביינאכט אבער, אז די לבנה וועט כישוף'ן פענסטער און אויפרייסען אזהם וועט ער דעם חשבון מאכען! די פראגע איז נאר, ווי וועט ער בעווייזען מאכען דעם קאמפליצירטען חשבון אויף איין זייטעל?

ווי? פרעגט שיק'ן. און אפשר וועט אייך דער מייסטער פון מאל-קונסט אויך נישט געבען קיין בעשטימטען ענטפער. דאס וואונדערליכע לאזט זיך נים ערקלערען מיט „קלארע דבורים".

דאקטוירים מיינען, אז עס פאלט זיי נים איין די נאכטוואנדלער וואס זיי אבער'ן רעכענהעפט ארויבערמושען א בלעטעל. דאקטוירים זענען פראקטישע ח'וקים'ס, זיי זענען קנאפע מומחים לגבי וואונדערליכע רעכענמייסטערס, לגבי קונסטלער — נאך קנאפערע. זיי קוקען נים א מענשען אין אויפגעריסענע אויגען און העריצער, זיי זענען נאר חושד מאגען-זאלכען... פראקטישע הי וקים'ס!

שיק מאכט זיין שווערען חשבון אויף איין זייטעל. פארוואס מישט נים ארויבער א בלעטעל? פארוואס קלעבט ער נישט צו אנ'אלאנזש, ווי צו א וועקסעל? נישט שוים-זשע ווייס ער נים פון גרויסע ביגענס פאפיר? און נאך גרעסערע ליוועגטען? איז עס דען נים דעם גרויסען מאלערס א בעהאלטענע פרעמדקייט צו מאטעריע? צו וואס אזוי פיל ליוועגטען? צו וואס אזא גרויסער שטיין? צו וואס אזא גלות-לאנגער פארמעטע און אזוי פיל ברוקען פאפירנע? אלי'ן חמר-זאכען! איך בין דאך נים אויסען מיט די ליידען און פריי'רען און די שענקייטען מיינע פון שאפען דעם חומר נאר אביסעל רוחניות..."

אז מען קען אביסעל פערבויגען דעם חומר און ארייננלאזען די זעלבע פארצייכ רוחניות — איז מה טוב! אט האט חוני המעגל אפגעמאסטען אנ'ענגען שפאן ערד, אריינגעשטעלט זיך אהין מימ'ן גאנצען לייב-און-לעבען זיינעם און האט פא דארט אלעה ומלען פול געמאלט מיט זיינע תפלות.

שיק שרייבט אין דער פולער וועלט אריין פון א פערטעלע פאפיר.

ער איז נישט דער ספעציעלער מיניאטוריסט. די אלטע מייסטערס פון דער מיניאטור האבען געהאט גאר אנדערע צילען, ס'הייסט: זיי האבען אפשר נאר קיין צילען נים געהאט, זיי האבען געמאלט פוטשעמאנטשוק, אזוי זיי און אזוי די גאר פרוהערדיגע מאזאאיקער. זיי זענען נים אויסען געווען גארנישט נאר ברעקעלעך, דעם צוזאמענשטעלען עפעס גאנצעס דורך ברעקעלעך און שטיקעלעך... וואויל זיי די זעהער! זיי האבען געזעהן און א שטיינדערלע וואונדער-שלעסער.

שיק איז, צו זיין גרויסער לויב, אזוי ווענוג ענליך צו די אלטע גרויסע מייסטער פון דער מיניאטור, ווי אלע אנדערע וואס מאלען אויף פלאכטעס, אויף לייוועגטער ווי ליילעכער. ער וואלט גאר אזוי גרוים נים געווען, שיק, ווען ער וואלט שטארק דערמאנט און זיי. עס וואלט געווען נאכגעמאכט, און נאכמאכען איז אלץ איינס: צו שלום עליכם'ן, דעם מיט עטליכע הונדערט יאהר עלטערן סערוואנטעס.

שיק איז עכט, ער גים זיך. ער איז ארגינעל. ווען עס וואלטען אלע מייסטערס פון דער מיניאטור גאר קיינמאל אויף דער וועלט נישט געווען, וואלט שיק אנדערש, ווי יעצט נים געמאלט.

לערנען מעג מען דאך יא ביי א רבי'ן א נאהענטען, אמווענגנסטען, ווי מיר דאכט זיך, האט ער געלערנט ביי זיי, ווייל לערנען — לערנט א קונסטלער א תוך-זאך, און שיק'ס תוך-זאך איז אינגאנצען אנ'איינענער. די מאס פונ'ם שטיקעל פארמעט, צי פאפיר איז מאקי א בעקאנטע זאך פון פרוהער, דער אינהאלט אבער איז — שיק'ס בעשעפענישען, אפילו די קלענסטע, זענען נישט קיין מיניאטורען, שיק'ס א יוד. אויסער, וואס ער פערנעמט אנ'ארט, האלט ער בשעת'ן בעטראכטען אזהם אין און וואקסען.

שיק'ס א יוד — און דאס אמת'ע פונטעלע יוד, דער עיקר פונטעלע! פון דעם פונטעלע צוהט זיך א פאדעם ארוים צום יודען פון אלע צייטען. שיק'ס א יודישקע איז נים סתם א יודישקע, ס'איז א יודישע מאלטער פון דורות, ס'איז שולמית, אסתר המלכה און שרה בת טובים. שיק איז דער פאלקסטומליכסטער צווישען די ווענגע יודישע קונסטלער, פאלקסטומליך זיין, הייסט טיף זיין. יודישע פאלקסטומליכקייט איז אלט, ווי די וועלט, און יונג, ווי די לעצטע זון, יודישע פאלקסטומליכקייט איז א מין שאנקעוודיגע צניעות, און צניעות האט ליב א ווינקעלע, צניעות שיינט ארוים פון א ווינקעלע, שיק'ס בולדער — ווינקעלעך ליכטיגע זענען זיי! פרייטאג צונאכטען ליכטיגע!

ביי שיק'ן זעהט מען זעלטען מענשעלעך, נאר נישטאלטען, נים פנים'לעך צום בעפוצען נאר צענטרען. יעדער מענש הגם איז דער זעט וואוקגעשטעלט איז, איינציגליך, נים און דער זיט, נאר אין א צענטרום. שיק וויל געבען א סך, א סך א סך — דערויבער גוט ער עס אויף א קליין שטיקעל פאפיר. ער קאנצענטרירט. און אויב קאנצענטרירען — איז וואס מעהרער אין אויף דעם קלענסטען שטיקעל רוים. א מענש אז ער פערלאזט אונז דארף ער זיינע ד' אמות, א לעבעדיגער — נאך ווענוגער. שיק'ס מענשעלעך, זיי זענען נשמה'דיג און דארפען אמוונצונגסמען ארט אויף דר'ערד. דאס גרעסטע אויג איז א סך קלענער ווי א מייל פון א גראבען פינגער און א האנד און דאך זאפט דאס אויג איין א שטוק וועלט. שיק'ס בולדער האט נים די קליינקייט פון א מיניאטור, ס'איז אנ'אויג, א פולע אויג.

א קאפיטעל ישעיהו איז אויך נים קיין מיניאטור, כאטש עס שטעלט זיך אוים אויף א קלויין, קליין שטיקעלע פאפיר, און כאטש עס שטעלט זיך אוים אויף א קליין שטיקעלע פאפיר נעמט עס ארום וועלטען.

ד.

— אזהר ווייסט שיק, — האב איך ברעה אזהם צו זאגען ווען איך טרעף אזהם, — אזהר ווייסט, אזהר זענט דאך גאר קיין מאלער נים! אזר טראגט נים קיין צעקנוימשטען קאפעליוש, אנגעטון זענט אזהר ווי א דענדי, און דער אויסזעהן אייערער — נומטוטיג און קיינמאל רעדט אזהר מיט מיר נים פון אולטרא-גרין, נישט פון צענגאבער רוים און נים פון וויאלעטען, וואס פאלען ארייו — און וואס?... אזהר זענט גאר קיין מאלער נים!

איך האב ברעה עס אזהם שטענדיג צו זאגען, ווייל עס איז אזוי נים קענטיג אויף אזהם, דעם גרויסען מאלער — דער מאלער. דאס האט נאר א בעזונדער חן, נאר נים דעם חן מיין איך, ס'איז עפעס מער, ווי חן... ס'איז דער ערנסט. דער יראת הכבוד פון איינגעגעם פח פון שאפען, נישט פיעסטשען זיך מיט אזהם, נים פאזורען מיט אזהם און גאם און פאר בעקאנטע און א מוטען וואכענטאג. מאקי א כהן-גדול, געווען מאקי ערשט יעצט און קדשי-קדשים, מתיחד געווען זיך מיט דעם, וואס מ'דארף דעם נאמען זיינעם אומזיסט נים אומגנישט נים ארויסזאגען און — שוין!. יעצט זאגט מיר נאר, וויפיל האט אזהר בעצאהלט פאר אייערע ליאקערקעס?

איך בין אבער אמאל ארוין צו אזהם, צו שיק'ן און זיין.. שרייבצימער — — אזהר זאגט דאך גאר קיין מאלער נים! האב איך מיט כל הכחות זיך איינגעהאלטן נים אויסרופען... ער האט אבער פערשטאנען, דער מענש, דעם שמייכעל מיינעם, און האט מיר אפגעענטפערט מיט א שמייכעל: — ווי געפעלט אייך מיין „אטעליע"?

און דעם אטעליע איז נים געווען קיין סימן פון אייל-פארבען, מאל-געשטעללען.

שיק, דער מאלער שיק, האט זיך אויפגעהויבען פון שרייב-טיש, אובער וועלכען ער איז געזעסען איינגעבויגען און געשריבען. אויפ'ן שרייבטיש איז געווען צעשטעלט מכל המיני טינטען, פערערהאלטער מיט פעדערן. מיט מאקנומעס און וואס נים? און אט אזוי זיצט ער על התורה ועל העבודה, ווי א סופר איבער דער תורה וואס ער שרייבט ווי א ראמאנוסט איבער'ן ברוליאן — אזהר זענט דאך גאר קיין מאלער נים!

ער האט מיך אבער צוגעפיהרט צום טיש, איך האב זיך איבער אזהם נאר קוים איבערגעבויגען און געבליבען, ווי צוגעקלעבט, ווי צו א וואנט, — אזהר, זענט א מאלער און נאך וואס פאר א מאלער, שיק!

די א, נים ארוים-געריסען, ווערטער זענען פערשטעהט זיך, נים געווען, ווי א הסכמה, פאר שיק'ס גרויסען טאלענט, איך האב נאר אונבעוואוסטזיניג מסכים געווען מיט דעם ארט מאלען זיינעם, צו וועלכען ער איז דערגאנגען מיט'ן פולען בעוואוסטזיין.

ס'איז אזהם דאן אויסגעקומען, וואס צו פערענדיגען, איך האב אנגזאס שפאן צורט ארום די פיר ווענט פון זיין מאל-טיש און צעמענגווייז אהונגעקוקט צו אזהם, צו שיק'ן, איך האב אזהם נים דערקענט! גאט מיין גאט, דער דענדי, מיט דעם אויסדרוק פון אזא טיפען ערנסט, מיט דער פעראנטווארטליכקייט און שטארע פערגלווערטע ליידען אויפ'ן געזוכט און אויף פערבייסענע ליפען? הזה שיק?

דער וואונדער איז געווען גרוים, אבער נאר אויף א ווייל, איך האב עס באלד פערשטאנען... די אלע, וואס געהען זייער איינגענעם נים בעטראכטענט וועג זענען פול מיט מורא פאר די געפאהר און אחריות-געפיהל פאר דער וועלט... איך קום צוריק צו דעם, וואס איך האב געזאגט פרוהער: שיק'ס בולדער זענען גלוקליך-געראטעוועטע, עס האט אויף זיי ביז דער לעצטער מינוט פון זייער ווערען געשוועבט א געפאהר, זיי האבען בעדארפט רחמים און האבען די רחמים געהאט.

און יעצט, אז זיי זענען שוין דא, איז מען מיט זיי אויך נים אין ארדנונג: ביי זייער גרויסען ערפאלג איז ער נים פולשטענדיג. זייערע בעוואונדערער וועלען נאך קומען. שפולעכלעך פאר די ווענט, ווי עס זענען מיניאטורען, זענען זיי נישט. דער פילוסטער פון היינט האט זיך זיינע געוואוינהייטען און פערלאנגען בנוגע קונסט-בולדער. דער דורכשניטליכער פורושי האט ליב, אז א בולד זאל העגגען אויף דער וואנד און ער זאל זיצען ביים טיש, עסען און, „פיין קיי לקיי ווארפען א קוקעלע אויפ'ן בולד, זעהען עס און האבען קנאה: „ליים זאגען, אז דאס בולד איז גוט... צו שיק'ס בולד דארף מען זיך מטריח זיין, אויפהייבען זיך פון ארט און צוגעהן צו דער וואנד... ס'וועט גאר נים העלפען! טאקמער פילט מען זיך, מען איז נים מפסיק און מוטען דער אכילה און מאקקי — לא! זעהט מען נישט...

הייבט זיך אויף, אזהר שווערפעלטיגע, הייבט זיך פון ארום דעם טיש, פון די טיפע פאטעלען מיט א קרענצעלע.. און אייערע פאטעלען איז גוט צו זיצען, אבער שווער זיך אויפהויבען — איז מיט א קרעכטצעלע, א קרעכצעלע העלפט. דערפאר, אז אזהר וועט שטעהן ביים וואנד, וועט אזהר הנאה האבען.. אזהר זעהט: דולט זיך, לעדיגע בויגעלעך פאפיר און און. דער נידער איז עפעס וואס אויפגעצייכענט, אונטען, אויפ'ן ראנד, קוקט זיך נאר צו: אזוי זעהט אוים א פיראמידע און גיזא, הארט הונטער קאהירא. א פיראמידע איז אונגעהויער גרוים. אויפ'ן פאן אבער פון סאהארא, פון די גרויסע מדבר-זאמדען, איז די פיראמידע קליין, פונקט אזוי קליין איז אויך דאס געמאלטע אויפ'ן ראנד פונ'ם בויגעלע פאפיר, אויף וועלכען עס געפינען זיך אי די פיראמידע, אי דער גרוים'ער, קאלטער סאהארא מדבר!

געהט צו צום וואנד און זאפט איין דאס געלד און די שטראהלען פון די ווענט אראפ —

אזוי ווי נים שיק, נאר אזוי ווי א זון וואלט זיי פערגאסען.

—0—

דער שאפער

אנ'ערצעהלונג פון היינטיגען פאלעסטינער לעבען

פון
י. ד. בערקאוויטש

(ענדע)

ערנה, ערנה! האט דער שאפער ווייטער געזאגט. איך וועל דיר פערטרויען א סוד: איך האב ליב דאס הויכע, קלינגענדיגע ווארט, די בריימע אויסשאלונג פון דער זעל, דעם קלארען, הויכגען גלעקלעכער, וואס קייקלעט זיך איבער'ן ווייטען מדבר און א ווונדער-קול ענטפערט אזהם אפ פון אלע עקען: כא-כא-כא-כא-כא!... אבער איך ווייס אויך דאס געוויין, ערנה, נים דאס שטילע געוויין, וואס ווערט פערשטיקט אין קישען, צווישען ענגע, דרוקענדיגע ווענט פון צימער, נאר דאס הויכע, יאמערדיגע געוויין, וואס צערייסט די איינזאמקייט אויף שטוק-שטוקער, וואס צעטרייסעלט די נשמה ביז'ן גרונט, וואס מאכט צומערן דאס הארץ ביז זיינע טיפסטע טיפענישען... עס טרעפט זיך אמאל א נאכט, ערנה, איינע פון די אויסערגעוועגליכע לבנה-נעכט און אונזער פראכט שטאט ירושלים, ווען איך קען מיר קיין רוה נישט געפינען. שפעט איך דערמאנט אויף, שפאן איין מיין לייכט-פליהענדיגען רייטוואגען און פאהר ארוים אויף די ווייסע מדבר-פעלדער פון יריחו אפצוהערכען „חצות". איך לאז פריי מיין בלויען אדלער, פליה ווי א רוח איבער די דאזיגע ווייסע, סומנע ווסטענישען און יאמער-אוים הויך און הולכיג דעם טויטען טרויער פונ'ם ים, בעהעפט מיין געוויין מיט'ן הארצרייסענדיגען געוויין פון די הונגעריגע שאקאלען, וואס שרייען נאך פערצוקונג... אוי, ערנה, ערנה, יונגע שוועסטער מיינע! די האסט מיך איינמאל געפרעגט וועגען דעם הייסען שראם אויף מיין באק?

וואס בעדעקט דער דאזיגער בלוט-צייכען אויף מיין פנים — איז דאס א קין-צייכען, אדער א צייכען פון העלדישקייט? האב איך דיר געזאגט: אפשר וועט קומען א טאג, ווען איך וועל דיר אויסדערצעהלען וואס מיך דרוקט אויפ'ן הארצען און אט פאהרסטו אוועק פון מיר, דער טאג איז נאך נישט געקומען און וואס דרוקט מיך אויפ'ן הארצען וועט דיר נישט ענטפלעקט ווערען, ערנה, שוועסטער מיינע, קיינמאל נים, קיינמאל נים!...

דא האט ער פלוצים אויסגעדרעהט צו מיר דעם קאפ און א פרעג געטאן אויף יודיש:

— מיסטער! וויפיל מוליאנען דאלאר, א שטייגער, האבען די אמעריקאנער יודען געשענקט פאר די קרבנות פון די אוקראינער פאגראמען?...

אויף דער דאזיגער מאדנער פראגע, וואס האט ווי איראניש פערענדיגט דעם האסטיגען געדאנקען-גאנג פון דעם אויסטערליכען שאפער, האב איך נישט געענטפערט גארנישט, איך בין געזעסען א פערשאפטער, אינגאנצען צומגעריסען פון זיינע הייסע, ברוזענדיגע ווערטער, וואס האבען מיר געקלונגען אין די אויערען דורכ'ן גיכען לויפען פונ'ם אויטאמאביל איבער'ן ווייסען, קאלכיגען שאסע, ווי אנ'אויסערגעוועהנליכער ודוי פון אנ'אויסערגעוועהנליכען פארשוין, ווי אנ'אויסגוס פון א טיף טראגישער צעטרייסעלטער נשמה. איך האב געגאפט אויף דער דאזיגער רעטעניש, פון וועלכער איך בין נים וויסענדיג געווארען א בעהאלטענער עדות, און האב נים געקענט געפינען פאר אזהר קיין בעשייד: וואס איז דאס פאר א מין בחור? ווער איז ער? פון וואנען האט זיך צו אזהם גענומען אזא געלערנטע שפראך, אזעלכע פיינע, געשליפענע שארפע ווערטער? און ווער איז דאס מיידעל פונ'ם פרעמדען לאנד, וואס זיצט דא אונ'ם ווינקעל פונ'ם אויטאמאביל ווי פער'חלומ'ט, הערט זיך צו צו זיינע שטארקע רייד און שווייגט די גאנצע צייט. נאר אזהר צארטער, טונקעלער פראפיל שמייכעלט שטיל און רויטעלט זיך? וואו האבען זיך אט די ביידע בעגעגענט און וואס איז צווישען זיי אזעלכעס פארגעקומען, וואס זיי צעשיידען זיך אזוי אויף איינויג?... און בין געווען אזוי פערטיפט אין די דאזיגע רעיונות, אז איך האב גארנישט געפיהלט, ווי מיר קומען צו אלץ נעהנטער צום הייסען ווינקעל פון די יריחו'ער סטעפען, און האב כמעט ווי נים באמערקט דאס הערליכע אויסזעהן פון דעם ווייסען מדבר, וואס בלאנקט ארום און ארום, ווי ווייט דאס אויג קען באפען, אונטער'ן פייערדיגען הימעל, ווי גלוהענדיגער שניי.

דער שאפער איז אויך ענטשוויגען געווארען אויף א לאנגער צייט, ווי אנ'אויסגעשעפטער געזעסען פערטראכט, שטיל געארבייט מיט דער ראד, צייטענווייז האט ער אויסגעדרעהט צו מיר דעם קאפ, אנגערופען די פערבייגעפאהרענע ערטער ביי די נעמען. שוין אהן דער כונה צו טרייבען מיט מיר קאטאוועס, נאר מיט'ן גאנצען ערנסט פון א שאפער וואס טוט זיין פליכט, אינצט האט מיר זיין געזיכט אויסגעזעהן זעהר טרויעריג אפגעפרעמדט, און דער רויטער שראם, אנגעלאדען מיט טיפען, פערבארגענעם אינהאלט. האט זיך געצוגען קעגען דער זון מיט א פינסטערן פלאקער. צום מיידעל האט ער זיך מעהר נים געווענדעט, פונקט ווי ער וואלט זי אינגאנצען פערגעסען. ערשט שפעטער, נאכדעם ווי מיר זענען דורכגעפלויגען יריחו, וועלכע איז געלעגען אויפ'ן ליכטיגען שטח פונ'ם מדבר, מיט אזהרע גרינע פאלמעס און געדיכטע בלעטערדיגע פאנאנע-ביימער, ווי א שאטענדיגער פלעק, און נאכדעם ווי מיר האבען פערקערעוועט פונים שאסע צום ברייטען, קרישעלדיגען, קאלכיגען שליאך, און פון דער ווייטען, איז דער גלוהענדיגער, דורכזיכטיגער לופט האט שוין געשימערט דער לאזור-בלויער ים-המלח מיט די פער'חלום'טע, דויפערגעבעלע „הרי העברים", האט דער שאפער ווי אויפגעוואכט און זיך ווידער געווענדעט צו מיר און א לייכטען קאטאוועסדיגען טאן:

— מיסטער! אויב איהר וואלט הנאה האבען פאר אייער געלט פונ'ם ים-המלח וועט איהר בהתחלה מוזען אראפווארפען אייער רעקעל. מיר פאהרען אוצט אריין אין דעם בערוהמטען קאלכאויוועז, וואס איז פערשריבען אין דער היסטאריע אונטער'ן נאמען: „הכצעקתה"...

און ער האט ווידער גענומען רעדען העברעאיש מיט'ן פנים צום מדבר:

— וועה-וועה, הכצעקתה... סארא שרעקליכער ארט!... ערנה! דו געדענקסט דאך די געשיכטע, וואס איך האב דיר אנגומעלטען דערצעהלט וועגען דער גוטער, בארמהערציגער פרעלינז, ווי אזוי ווילדע בערואונגער זענען זי בעפאלען ערגעץ אין די דאזיגע ערטער, אויסגעטון זי נאקעט, אויסגעשמירט אזהר לייב מיט האניג, ארויפגעבראכט זי אויף א דאך און זי געלאזט אויפגעפרעסען ווערען פון בינען... די דאזיגע געמיינהייט איז אפגעטון געווארען און מיטען העלען טאג מיט עטליכע טויזענד יאהר צוריק, און עד היום, אז איך דערמאן מיר אן דעם, שטעלען מיר זיך די האר קאפויר... וואלט איך דיר, איינגענטליך, בעדארפט דערצעהלען נאך א געשיכטע, וואס איז טרויעריגער פון דער, און פאסירט האט זי און אונזערע צייטען, און א לאנד, וואס איז נים אזוי ווייט פון דעם דאזיגען ווילדען מדבר. נאר.. גענוג היינטוגעס מאל! איך וויל דיר נים פערשטערען די נסיעה... מיר קומען דאך אט באלד אין אנ'ארט, וואו די געטליכע שעהנקייט פון אונזער קליינעם לאנד דערגרייכט אזהר העכסטען פינקט — די שעהנקייט פון טוים און איינביגען שטילשווייגען... און דו האסט דאך עס אזוי געגארט צו זעהן נאך אין עפולה, בשעת מיר זענען ביידע געזעסען אויף דער ווערענדע פון דער דארטיגער אכסניה ביי א שארפער פלאש גאזאז...

אויפ'ן ברעג פון ים-המלח האבען מיר פערבראכט ביז פארנאכט. דער ענגערוישער שאפער האט זיך גלייך גענומען ברענגען אין ארדנונג זיין אויטאמאביל, בעטראכט אזהם פון אלע זייטען מיט גרויס צערטליכקייט, געגלעט אזהם ווי מען גלעט א מידען ליבען פערד נאך א שווערער רייזע, איבערגעקוקט דעם מעכאניזם, די גומענע רעדער, אפגערייניגט אזהם פון שטויב און אויסגעפוצט ווי א נייעם. ערנה איז ארוין און דער פוסטער קרעטשמע, וואס שטעהט איינזאם אקעגען דעם דרעמלענדיגען ים. און איך האב מיך אוועקגעזעצט אין שאטען פון א פור-פלעקערדיגער חופה, געדעקט פון אויבען מיט פערטריקענטע לולבי-בלעטער, געזעסען א בערוישטעהן פון דער שטארקער טראפישער היץ, וואס האט געאטעמט מיט פייער און אלע חושים, א פערלאפטער פון א נים-געזעהענער שענקייט, פון יענער אומגלויבליכער שטילקייט, וואס שוועבט קלאנגלאז אויף די גרענעצען פון נים זיין. די „הרי עברים" אויף יענער זייט ים. איינגעהולט אין בלויליכען, שטראהלענדיגען נעבעל, האבען געשימערט פון דער ווייטען און זייער בעהאלטענער סודות'דיגער פראכט, ווי פון יענעם זייט לעבען. איך בין אויפגעשטאנען און זיך געלאזט געהן פאמעליך, געשפאצירט ווי אין א חלום, געקומען צום ברעג, האב איך געטראפען דעם שאפער מיט ערנה'ן באדענדיג זיך ביידע אין ים. זיי האבען געשווימען מיט די יונגע פליכצעם דאס געדיכטע, געזאלצענע לאזור-וואסער, פערהערט זיך איינגעמיש'ן אנדערן און שווימען. די נידעריגע זון האט זיך געשפיגעלט מיט גאלדענעם גלאנץ און ערנה'ס לאכענדיגע אויגען, און אזהרע שלאנקע נאקעטע ארעמס, און אזהר בלויען גומענע באד-מיצעל, וואס האט צוגעגעבען אזהר טונקעל אפגעברענטען יונגען געזיכט א בעזונדער חן פון איינגעצאמטער שטיפעריש. אויף קוטענדיג, האט זיך דער נאסער בלוטיגער שראם אויפ'ן שאפער'ס באק היים און רויט צעשטראהלט. ארויסגעקומען פונ'ם וואסער און די נאסע באד-קאסטיומען, וואס האבען ארומגעקלעבט זייערע יונגע

(ענדע—זייט 11)

דער ליבלינג פון אמאליגע יודישע טעאטער-פובליקום אין פוילען—אברהם יצחק טאנצמאן

זיין פאטער'ס ארבייטער שליפערשטיין פיהרט איהם ארא פון דרך-הישר.— געווארען מיט מזל א סופלער. — מען לאזט נישט שפילען אין ווארשא און יודישע אקטיארען לעבען פון קאנצערטען.—גאט פון ליבע לאזט זיך הערען.— ווי אזוי טאנצמאן איז געווארען אנ'אקטיאר. — דער „שטאטישער משוגענער" ראטעוועט איהם.

(ספעציעל פאר'ן „לאדזשער טאגעבלאט")

פון זלמן זילבערצווייג (ניו-יארק)

8 מתנה—דעם פעטער מענדעל.

I.

זעלטען וועלכער שוישפילער האט די זכיה צו זיין בערימהמט אויף דור דורות.

מעהרסטענטייל איז אן אקטיאר נאך דער אפגאנג פון זיין צייט.

און זיין פעריאד איז ער אזוי פאפולער, אז מען קען זיך גארנים פארשטעלען, אז זיין נאמען וועט ווען עס איז אמאל פערגעסען ווערען. אבער געהט נאר זיין דור ארונטער צו דער אויבנקייט, פערשווינדעט אויך פון אויבערפלאך די בערימהמטקייט פון קונסטלער.

איינער פון אזעלכע קונסטלער איז געווען דער פערשטארבענער אקטיאר אברהם יצחק טאנצמאן.

די טאנצמאנס!

אט דער ראזיגער נאמען, וואס האט געגלאנצט מיט 45—40 יאהר צוריק, איז היינט שוין אזוי אפגעבליאקעוועט, אז ער זאגט גארנים פאר דעם נייעם, יונגען טעאטער-דור.

אבער ווען איהר טרעפט נאך ערגעץ וואו א מענש פון אמאליגע טעאטער-בעזוכער, וועלכע האבען נאך געזעהן דעם געבורט פון דער יודישער ביהנע, וואס געדענקען נאך גאלדפאדען'ען אליין, וועט איהר זיכער פון זיי הערען דעם נאמען טאנצמאן!

— א, וואו נעמט מען היינט אזעלכע אקטיארען, ווי די טאנצמאנ'ס? — האט פאר מיר געזיפצט דער לאדזשער בעל-הבית, בעת איך בין דאס לעצטע מאל געווען אין לאדז, און אין א געשפרעך האב איך זיך אויסגערעדט, אז איך פערנעם זיך מיט יודישער טעאטער פארשונג.

בשום אופן האט זיך מיר נישט איינגעגעבען אויפצעווייזען, אז די יודישע ביהנע פערמאגט היינט גרעסערע שוישפילער. דער יוד איז געבליבען ביי זיינס, אז קיין גרעסערע אקטיארען, ווי די טאנצמאנ'ס, זענען נישט געווען און ס'זענען נישטא.

געוואלדהיים!

לאמיר, אלזא, זעהען, ווער איז דאס געווען אט דער טאנצמאן, וואס פאר'א ראל און פאזיציע האט ער פערנומען אין דער יודישער טעאטער-וועלט.

געבוירען ב"ה חשון 1857 אין ווארשא ביי א פאטער א סוחר און א פאבריקאנט, נים קיין פאנאטיקער, א מתנגד. געלערנט אין חדר אויך ביי פרוואטע מלמדים און שפעטער פויליש, רוסיש, דייטש און פראנצייזיש ביי לעהרער. ביז 18 יאהר געלערנט אין ווארשאווער ישיבה, און ארויס פון דארט א למדן א משכיל, געגלאלמען אלס א שמיקעל עלוי.

און 1877, ווען ער איז שוין מעהר נים געלערנט, נאר זיך ארומגעדרעהט און זיין פאטערס הענדשקע-פאבריק, האט געטראפען, אז איינער פון זיין פאטערס ארבייטער מיט'ן נאמען שלופערשטיין (דער שפעטערדיגער בעקאנטער אקטיאר) האט צוזאמענגענומען איינגע חברים, און מיט זיי איינשטודירט גאלדפאדענס „שמענדריק". קיין פרויען האט די טרופע נישט געהאט, און מענער פלעגען שפילען די פרויען-ראלען.

וואס עס האט זיי אבער געפעהלט איז געווען א סופלער. דא האט דער „דירעקטאר" פון דער גרופע שלופערשטיין אנגעהויבען איינרעדען זיין פאבריקאנט'ס זוהן, אז אזוי ווי ער מוט סיי ווי סיי גארנישט, זאל ער מוטגעהן מיט איהם אויף די פראבעס פון זיין גרופע, אבער דאס זאל בלייבען בסוד פאר'ן בעל-הבית.

ט. האט זיך געלאזט צורעדען, און האט אנגעהויבען בעזוכען די פראבעס, און אזוי ווי קיין סופלער האט די גרופע נאך נים געהאט, האט מען איהם געבעטען, אז ער זאל דערווייל ארויסהעלפען סופלירען, ביז זיי וועלען בעקומען א סופלער.

ווען די פיעסע איז שוין געווען איינשטודירט, האט די גרופע געדונגען א זאל הונטער דער שטאט דארט צו שפילען, אבער קיין סופלער איז אלץ נאך נים געווען, און דאן האבען אלע אנגעהויבען בעטען ביי טאנצמאנ'ען, אז ער זאל זיי ארויסהעלפען פון זייער פערלעגענהייט. טאנצמאן האט זייער בקשה דערפילט, און דאס איז געווען זיין ערשטער שריט צום יודישען טעאטער, און וועלכען ער איז שפעטער געווארען אזוי פאפולער און בעליבט.

די פיעסע איז געגאנגען איינגע וואכען, און דערנאך איז בעשלאסען געווארען ארויסצופאהרען אויף דער פראווינץ. דער איינפאל איז טאנצמאנ'ען זעהר געפעלען, און ער האט מסכים געווען, בסוד פאר זיינע עלטערן, מיטצופאהרען אלס סופלער.

ווען זיינע עלטערן האבען זיך דערפון דערוואוסט, זענען זיי געווארן זעהר פערצווייפעלט. עס איז געווען פאר זיי א גרויסע בושה, און און שטוב איז ממש געווען א יום-כפור שטימונג. א לעגענדע צייט האבען זיי אפילו נישט געוואוסט, וואו ער איז, און האבען זיך מיאש געווען פון זייער זוהן, וואס איז אויסגעגאנגען לתרבות רעות.

פאהרענדיג אזוי איבער דער פראווינץ, איז די טרופע געקומען קיין ברעסט-ליטאווסק, דארט האט זי זיך געטראפען מיט א טרופע פון בערימהמטען אקטיאר גראדנער מיט זיין פרוי, און בזידע טרופעס האבען זיך פעראייניגט. אבער באלד דערנאך איז זיך די טרופע פונאנדערגעגאנגען, גראדנער מיט דער פרוי זענען געפאהרען קיין לאנדאן, און טאנצמאן מיט זיין פריהערדיגער טרופע זענען צוריקגעפאהרען קיין ווארשא.

און דער זעלבער צייט זענען קיין ווארשא געקומען די אקטיארען ספיוואקאווסקי, ישראל ראזענבערג און די פרימאדאנע בערטא בערלין. זיי האבען צוזאמענגענומען די אקטיארען פון ווארשא, און אנגעהויבען שפילען אין „עלדאראדא" טעאטער. די געשעפטען זענען געווען זעהר גוטע, אבער די פאליציי האט באלד פערווערט צו שפילען יודיש טעאטער. ספיוואקאווסקי האט דאן פערלאזט ווארשא. ראזענבערג איז קראנק געווארען און געלעגען א פאראליזירטער און ווארשאער שפיטאל, ביז מ'האט איהם אהיימגעשיקט קיין אדעס. די פרימאדאנע בערטא בערלין איז געבליבען אין ווארשא, ווייל זי האט זיך געשעמט אהיימצופאהרען, ווארום זי איז אויך אנטלאפען פון די עלטערן.

און א קורצער צייט ארום איז ווידער געקומען א גרופע אקטיארען: שווינגאלדער און פרוי, צוקערמאן און פרוי, וויינשטאק און פרוי און גאלדשמידט. זיי זענען אבער געקומען און א שלעכטער צייט, ווייל מען האט נאר וואס געהאט פערווערט צו שפילען און גאנץ רוסלאנד. די אקטיארען האבען זיך געפונען און א אויסערגעווענליך קריטישע לאגע, און די מאכט האט זיי דעריבער דערלויבט איינצואורדנען קאנצערטען. די קאנצערטען האבען זיי אביסעל מאטעריעל געראטעוועט און די אקט אליין שווינגאלד און צוקערמאן מיט זייערע פרויען האבען דערויף פערלאזט ווארשא. די איבערגעבליבענע אקטיארען האבען זיך פעראייניגט מיט די ווארשאווער אקטיארען, ארייגערעכענדיג פריילין בערלין און טאנצמאנ'ען אלס סופלער. און אזוי האבען זיי ווידער ארויסגעלאזט איבער דער פראווינץ. און דער דאזיגער צייט האט זיך ענטוויקעלט א ליבע צווישען פריילין בערלין און טאנצמאנ'ען.

אזוי איז די טרופע געפאהרען פון שטאט צו שטאט ביז איז געקומען קיין זאמאשטש, וואו דער אקטיאר שלופערשטיין האט זיך צוקריגט מיט דער טרופע און זי פלוצלונג פערלאזט, און ווען מען האט אווענד געדארפט שפילען שמר'ס „בעל תשובה", איז נים געווען ווער עס זאל שפילען שלופערשטיינ'ס ראל. די טרופע איז געווען און א גרויסער פערלעגענהייט, און נאך א בעראטונג איז בעשלאסען געווארען, אז טאנצמאן, וואס קען אויסגעצייכענט די פיעסע פון סופלירען, און האט שוין געזעהען שלופערשטיינ'ען א סך מאל שפילען די ראל, זאל איהם פערטרעטען.

טאנצמאן האט אבער נים געוואלט הערען דערפון, ער האט זיך זעהר געשראקען צו שפילען בכלל, און איבערהויפט שלופערשטיינ'ס ראל, ווארום שלופערשטיין איז געווען זעהר בעליבט ביי פובליקום, בעזונדערס און דער דאזיגער ראל. אבער די טרופע, און בעזונדערס די פרימאדאנע בערלין, וועלכע איז שוין דערווייל געווארען טאנצמאנ'ס פרוי, זענען פון איהם נישט אפגעשטאנען, און איהם צוגערעדט מוט צו שפילען, ביז ער האט מסכים געווען.

די ראל איז א קאמישע, זי שטעלט פאר א מין משוגענעם פילאזאף, וואס שרייבט לידער און זינגט זיי אליין.

און זאמאשטש, וואו די טרופע האט דעמאלט געשפילט, איז געווען א „שטאט-משוגענער", וואס פלעגט ארום לויפען איבער די גאסען און זינגען כמו א פאלקס-לידעל הונטער די פענסטער. טאנצמאן האט בעשלאסען דאס אויסנוצען, און דער דאזיגער איינפאל האט איהם געמאכט פאר א אקטיאר.

ווען ער איז ארויף אויף דער בינע האט ער בעקומען „לאמפען-פיבער" און עס איז איהם געווארען פינסטער און די אויגען, די פיס האבען זיך איהם געקלאפט, נאך צום פאלען, די גאנצע „פראזע" האט ער געגעבען א זאג ארויס און איין אטעם, נאר אז עס איז געקומען צו דער שטעל ווען ער דארף זינגען זיין „פאעזיע", האט ער געזאגט, אז ער וועט זינגען דאס נייע ליד, וואס ער האט פערפאסט, און אנשטאט דאס ליד פון דער פיעסע, האט ער געזונגען דאס לידעל, וואס דער שטאט-משוגענער זינגט און די גאסען.

און דרויסען געהט א רעגענדעל
די שטיינדלעך זענען נאס
לאמיר בייזדע חתונה האבען
כאמש דו בינזט וואס (ווייס)
זי רופט מיך קרוין
יאך (איך) רוף זי הארין
נו, לאמיר בייזדע חתונה האבען
כאמש יאך בין שווארץ.

ווען דאס פובליקום האט דערהערט דאס דאזיגע אזוי גוט בעקאנטע לידעל, האט עס אויסגעבראכען און א דונער פון אפלאדיסמענטען, וועלכע האבען אנגעהאלטען איינינגע מינוטען. דא איז טאנצמאנ'ען פלוצלונג לויכטיג געווארען און די אויגען, ער האט זיך אויסגעגלייכט, אויפגעהערט צו ציטערן, און די ארטיסטישע נשמה, וועלכע האט געשלומערט און איהם, האט ערוואכט. ער האט די ראל מייסטערהאפט דורכגעפירט, און פון דאזיגען אווענד אן, האט ער בעקומען דעם נאמען אלס אקטיאר.

דאס איז געווען און אקטאבער 1879.

די טרופע איז אזוי ארומגעוואנדערט איבער דער פראווינץ ביז אין אנהויב פון די אכציגער יאהרען איז זי געקומען קיין ווארשא.

אמיליאן דאלאר

שפאנענדער ראמאן פון היינטיגער צייט

(6-טע פארטזעצונג)

לכתחילה בין איך געווען בעשעפטיגט אלס געוועגליכער ארבייטער, דערנאך אלס וואהל-אגיטאטאר, שפעטער בין איך געווארען א קעלנער אין עפעס א קליינעם לעצט-ראנגיגען רעסטאראן אויף בראדוויי.

דארט האב איך בעקומען די ידיעה וועגען מיין פאטערס טויט. איך האב זיך דערוואוסט, אז ער האט מיר איבערגעלאזט דאס, וואס ער האט געמוזט איבערלאזען לויט'ן געזעץ. די פאבריק איז פערקויפט געווארען און דאס געלט איז אוועקגעגעבען געווארען פערשידענע פילאנטראפישע פעראיינען. איך האב זיך אפגעזאגט פון געדאנק צו פערפיהרען א פראצעס, האב גענומען דאס געלט, וואס איז פאר מיר בעשטימט געווארען, און וואס האט בעטראפען מעהר-וועניגער א פירטעל פון דער סומע, וואס איהר לעגט מיר היינט פאר, און האב אנגעהויבען א ניי לעבען, איינארדענדיג זיך לויט מיין געשמאק. איך האב געשפילט. איך מוז מודה זיין, נישט איבעריג ליידענשאפטליך, איך בין אוועק קיין מאנטעקארלא, און זינט דעמאלט בין איך דא א שטענדיגער גאסט. נישט דערפאר, ווייל איך בין א ליידענשאפטליכער שפילער, אדרבא, איך האב זיך תמיד בעגנוגענט מיט א געוועגליך געווינס, וואס האט מיר מעגליך געמאכט זארגלאזן דא צו פערברענגען א זעקס חדשים. אבער זינט די לעצטע צוויי יאהר פערפאלגט מיך דער שלימזל אויף שריט און טריט. איך האב געמוזט ריהרען מיין קאפיטאל, וואס האט איינציגווייז און גאר גיך גענומען צעשמאלצען ווערען. דאך האב איך נאך פערמאגט דערפון א סומע געלט. עהרנעכטען האב איך נאך געהאט 26.000 גאלד-פראנק אין דער טאש. דאס איז געווען אלץ, וואס איך האב נאך פערמאגט פון מיין גאנץ פערמעגען. מיין לעצטער פרווו מיך צו ראטעווען האט, ווי עס איז אייך בעקאנט, נישט איינגעגעבען. איך בין אדורכגעפאלען. בליץ-שנעל האב איך געפאסט א בעשלוס. איך האב געהאט אויסציקלויבען אדער אנצוהויבען דורך ארבייט פערדינען אויף לעבען, אדער מאכען דעם לעצטען שטריך... איך האב אויסגעקליבען דאס צווייטע...

— און דאך איז געשעהן עפעס אנדערש... — האט דער אלטער ארייגגעווארפען א ווארט.

— יא, עס איז געשעהן עפעס אנדערש. און איצט קענט איהר שוין די געשיכטע פון לעבען...

— צו דער געשיכטע פון אייער לעבען האב איך געמאכט א ווייטערדיגע פארטזעצונג... און גאר אומגערעכט... זענט איהר גרייט דערצו?

ארויסרעדענדיג די לעצטע ווערטער, האט דער אלטער אויסגעשטרעקט צו איהם די רעכטע האנט.

מאקסים בערגער האט זי אנגענומען און אהן שום ישוב-הדעת האט ער אויסגערופען:

— עס איז געמאכט!

— איהר וועט האלטען ווארט! — האט יענער געזאגט, דריקענדיג קרעפטיג די האנט פון יונגערמאן. — און איצט נעמט דעם טשעק.

מאקסים האט גענומען פון איהם דאס פאפיר.

— הייסט עס, עס איז נישט קיין חלום? — האט ער געזאגט ווי אין שלאף.

— א שאד, וואס דא איז אזוי פינסטער...

— אלץ איז אין ארדנונג האט שעקספיר נומער צוויי פערזיכערט.

מאקסים האט זיך פלוצלונג צעלאכט.

— און ווען איהר וואלט מיר געגעבען צוויי מיליאן און איך וואלט בעגאנגען זעלבסטמארד אין צוויי יאהר ארום?

אבער דער אלטער האט נישט געענטפערט אויף אט דעם שפאס.

— איך שטעל פעסט מיט צופרידענהייט, אז אייער שטימונג האט זיך פערבעסערט, — האט ער געענטפערט. — איך וואלט נאר בלויז געוואלט צוגעבען, אז איך וועל אייך העלפען בעפרייען זיך פון אייער חוב, אפילו, ווען איהר וועט נישט האלטען ווארט און נישט ווייזען זיך פאר מיר צום בעשטימטען טערמין.

— וואס פאר א חוב? — האט מאקסים געפרעגט פארחידושט. — מיט וואס קען איך איהם בעצאהלען?

— מיט אייער לעבען. איהר וועט שטארבען דעם ערשטען סעפטעמבער פון קומענדיגען יאהר. פרייוויליג, אדער... אויף אנ'אנדער אופ'ן...

— אהא, איהר וועט מיך הייסען ערמארדען?

— יא, אבער נאר דעמאלט, ווען איהר וועט מיך צווינגען דערצו.

— וואס איז די סיבה פון אייער שנאה צו מיר? וואס אזוינס פאר א שלעכטס האב איך אייך געטון? און אפשר מוז איך ליידען פאר עבירות וואס ער איז בעגאנגען? אפשר מוז איך ליידען פאר דער עולה, וואס ער האט אייך געטון? איך האב שוין פריהער בעטאנט, אז קיין שום אינטערעסען האבען מיך נאך קיינמאל נישט געבונדען מיט אייער נאהנטקייט.

— איהר זענט אין א פעהלער. נישט קיין האס און שנאה בעוועגען מיך צו מאכען מיט אייך דעם אפמאך; פערקעהרט, איך מאך דאך אייך רייך און פערלענגער אייך דאס לעבען. נישט איך זוך אייער טויט. איהר אליין האט דאך איהם געוואלט. מיין וואונש פון טיפען הארצען איז צו פערהאלטען אייך אויף דער וועלט איך האב אייך צוגעשטעלט די געהעריגע מיטלען, מיט וועלכע איהר וועט קענען פערברענגען אייער צייט אין גרעסטען וואוילטאג. איך ווינש אייך גליק...

דער אלטער מאן האט זיך אויפגעשטעלט פון דער באנק. בעת מאקסים האט איהם געוואלט נאכטון און זיך אויך אויפהויבען, האט איהם יענער געצוואונגען, צוערשט ווייך און דערנאך שטרענג, אז ער זאל בלייבען זיצען.

— כ'בעט אייך, איהר זאלט מיך נישט בעגלייטען. איהר וועט אזוי גוט זיין און זיך אויפשטעלען פון דער באנק ערשט אין עטליכע מינוט ארום, הער בערגער. זייט געזונט.

— צום ווידערזעהן... — האט איהם מאקסים פערבעסערט.

— אויף א יאהר.

— נישט פריהער?

— ניין, איך וועל אבער שטענדיג האבען וועגען אייך גענויע אינפארמאציעס... אדיע...

— אבער... אבער... — האט מאקסים איהם אפגעשטעלט. — נאך איין זאך מיר מוזען פאראויסזעהן אלע מעגליכקייטען. איהר מעגט עס וויסען. וואס וועט זיין, אז מיט מיר וועט דורך דער צייט פאסירען עפעס אנ'אומגליק און איך וועל פערשטעהט איהר מיך אוועקגעהן פון דער וועלט, איידער עס וועט אפליפען דער טערמין, ווען איך וועל זיך דארפען שטעלען פאר אייך?

(פארטזעצונג קומט).

די שול און די היים

שמועסען וועגען ערציהונג

(ספעציעל פאר'ן „לאדזשער טאגעבלאט")

פון י. מ. פאזנאנסקי.

ס'איז נאך ווענינ, וואס מ'זארגט זיך פאר, אז די קינדער אונזערע זאלען ארייגקומען און אנ'ענטשפרעכענדער שולע, צו בעקומען נעהעריגע בילדונג. די עלטערן מוזען געדענקען, אז און דער היים, און דער סביבה, וואו דאס קינד געפינט זיך ביז צו דער שול-צייט און שפעטער, מוז אויך ווערען איינגעשטעלט א קאנטאקט מיט דער שול, ווייל די שול איז בעצם דער המשך פון דער היים און די היים — די פארטזעצונג פון דער שול. ס'טאר נישט זיין קיין סתירות צווישען דער אטמאספערע פון דער שולע און די היים.

און מאדערנעם שול-וועזען, זעהען מיר שוין א גרויסן פארטשריט און דער הינזיכט. ס'זענען שוין כמעט ביי אלע שולען געשאפען געווארען עלטערן-קאמיטעטען, וועלכע שטעהען און אנ'ענגע קאנטאקט מיט די שולען. ס'ווערען אפט איינגעהאלטען זיצונגען און קאנפערענצען פון די עלטערן-קאמיטעטען, צוזאמען מיט די שול-פערוואלטונג און בעמיהען זיך צו שאפען אנ'איינהייטליכע סביבה און אטמאספערע פאר דעם קינד, פאר דער שול-יוגענד.

אונזער צוועק איז ווערען די פעדעם צווישען שול און היים צוזאמענגעבונדען. ס'איז דעריבער וויכטיג, אז די עלטערן פון די קינדער זאלען זיך און דעם פרט אפגעבען א קלארען דין וחשבון און זיך בעמיהען אז אויך זיי זאלען שטעהען אויף דער הויך פון זייערע אויפגאבע.

נישט איינמאל איז אונז אויסגעקומען זיך צו איבערצייגען, אז צוליב מאנגעל און א צוועקמעסיגער ערציהונג וואקסען אויס מענשען לחלוטין נים צוגעגרייטע צום לעבען. אפטמאל זענען די סבות דערפון נאר די סתירות, מיט וועלכע דאס קינד שטויסט זיך אן פון לעבען און דער שול און און דער היים. דאס קינד קען און דער שול בעקומען די בעסטע בילדונג אבער די ערציהונג און די סביבה און דער היים קען אלץ צונישט מאכען.

בכדי דורכצופיהרען א ראציאנעלע ערציהונג, באדערפט זיך, קודם כל א שטענדיגע קאנטראל פון די עלטערן אדער אפ יעקונגעם איבער זייך אליין. א חוץ געוויסע ידיעות וועגען פערשידענע ערציהונגס-פראגען מוז מען שטענדיג געדענקען צו בעהערשען דאס געפיהל און זיך אליין און נויטיגע פאלען קאנען בעהערשען.

מיר אלע מאכען אפט פערשידענע פעהלער, וועלכע געהען נישט דורך אהן שלעכטע פאלגען פאר די קינדער, עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז די אלע פעהלער ווירקען שלעכט אויפ'ן קינד, אונאפהענגיג פון דעם, צי דאס איז געמאכט געווארען בעוואוסטזיניג, אדער נישט בעוואוסטזיניג. למשל, דורך נים בעטראכטע ווערטער, אדער מעשים.

יעדע ערשיינונג, וועלכע ווערט דורך דעם קינד געמיינזאם מיט אונז איבערגעלעבט, וואקסט און זיין אונטערבאוואוסטזיין און ווערט פערוואנדעלט און א שטענדיגען גייסטיגען צושטאנד. ווען די עלטערן וועלען וויסען און פערשטעהן זייער איינפלוס, וועלען זיי דערמיט פיל פערלייכטערן די ארבייט די ערציער שולע און נאר אויף אזא אופן וועט מען קאנען דערגרייכען צו ערציהען די קינדער אלס נוצליכע מענשען פאר זיך און פאר דער געזעלשאפט.

די עלטערן דארפען דעריבער שטענדיג געדענקען, אז דאס קינד זעהט אלץ, און ווען ס'אריענטירט זיך און מאמענט נישט אזוי גענוי, האט דאס אבער אנ'אנגעמינקט פאר אלעם.

די עלטערן טארען זיך קיינמאל נישט קריגען און דער אנוועזענהייט פון די קינדער, בעזונדערס ווען ס'האנדעלט זיך וועגען די אנגעלעגענהייט פון קינד. יעדע מחלוקה גראבט אונטער די אויטאריטעט פון די עלטערן און די אויגען פונ'ם קינד.

דאס ווירקזאמסטע און דער ערציהונג, איז דער צוטרוי פונ'ם קינד צו די עלטערן. דעריבער טאר מען נישט אפפטר'ן דאס קינד מיט אפטע צוזאגען. מען טאר קיינמאל נישט דאס קינד נארען אומזיסט, ווארענדיג זיך אויף אזא אופן בעפרייען פון זיינע פערלאנגען. ווייל ווי נאר דאס קינד וועט זיך איבערצייגען און דעם אז אונזערע הבטחות זענען נישט ריכטיג, וועט ער אויפהערען צו גלויבען. אזוי ארום פערלירען אפט די עלטערן דאס ווערטפולסטע און דער ערציהונג — דעם צוטרוי פון קינד.

די עלטערן מוזען שטענדיג געדענקען, אז די זעלבסט-ערציהונג און די שטענדיגע קאנטראל פון די איינענע געדאנקען און מעשים. איז די ערשטע פליכט, וואס מוז אונבעדינגט ערפילט ווערען.

די עלטערן טארען קיינמאל נישט פערטרויען די קינדער זייער עגמת נפש וועגען שלעכטען מצב, אדער איבער וועלכע ס'איז אנדערע נעגאטיווע זייטען פונ'ם לעבען. דאס קינד איז נאך נישט דערוואקסען צו דער מדרגה פון די איבערלעבנישען און דורך א פערטרויען זיך פערגרעסערן מיר קינסטליך זיין ענטוויקלונג און מאכען איהם פאר דער צייט פאר א רייפען מענש, וואס רופט זיך סוף כל סוף נישט גוט אפ אויף דער ענטוויקלונג פונ'ם קינד.

עלטערן זענען אפט נישט אויסגעהאלטען און דער ערציהונג צוליב אומוויסען און אפט צוליב שוואכקייט, נישט האבענדיג קיין כח זיך אנטקעגענשטעלען דעם ווילען פונ'ם קינד. אפט בעמערקען מיר אזעלכע ערשיינונגען: א מוטער מיינט, אז זי טוט דעם קינד א טובה, ווען זי גיט איהם אלעס נאך האט רחמנות אויפ'ן קינד, ווען ס'וויינט, אדער ס'וויל נישט עסען אדער וויל נים לערנען. די איבערגעטריבענע נאכגיביגקייט צייטיגט זעהר שלעכטע פאלגען ס'געוואוינט זיך צו, אז אלע פערלאנגען מוזען גלייך דערפילט ווערען און דאס רופט זיך זעהר שלעכט אפ אויף דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פונ'ם קינד.

די געפאהר פון דער איבערגעטריבענער נאכגיביגקייט איז גרויס הויפטזעכליך ביי פערמעגליכע עלטערן. און אנ'ארבייטס-פאמיליע, וואו ליידען נויט זענען אפטע געסט, לערנט זיך דאס קינד ממילא אויס ארויבערצוטראגען אלעס בראוו און מוטיג. דאס לעבען אליין פערהארטעוועט דעם קינד. דאס האט, זעלבסטפערשטענדליך, שאטען-זייטען און לויכט-זייטען.

מען דארף געדענקען, אז ערציהען הייסט צוגרייטען צום לעבען. דאס לעבען איז שווערער קאמף פאר'ן קיום און צו אזא קאמף מוז דער מענש זיין צוגעגרייט. דער מענש דארף זיין בעוואפנעט מיט אנ'איינגענעם ווילען און א פערהארטעוועטען קערפער, וועלכע בויגען זיך נישט פאר קיין שום שוועריגקייט. נישט צו פערלירען דעם קאפ און אנ'עת-צרה, זיך קאנען צופאסען צו אלע לעבענס-בעדינגונגען, מיט מוט פיהרען דעם לעבענס-קאמף — דאס איז די אויפגאבע פון ערציהונג.

דעריבער מוזען עלטערן זיך אפט בערייטען פון זייערע סענטימענטען און זעהען, אז דאס קינד זאל בעקומען א צוועקמעסיגע ערציהונג. זיך נישט לאזען בעאיינפלוסען פונ'ם מאמענט, נאר זעהען ווייטער צו פאלגען.

ס'זענען פאראן קינדער פון די ארימע שיכטען — קינדער פערלאזענע, פער'יתומ'טע, היימלאזע, אהן השגחה וועלכע האבען קיינמאל נישט געפיהלט דעם טעם פון איינגענעם פאמיליען-ווארימקייט. דער איינציגער ערציער פון זיי איז די גאס, דאס פאבריק, גאסטוליך, צו דעמאראליזאציע.

פון די פריהסטע קינדער-יאהרען פערנעמען זיך אזעלכע קינדער מיט גאסען האנדעל, אדער בעטלעריי. די דאזיגע קינדער פאלען אפט גאנץ נידריג און לאזען זיך אויף אזעהר גליטשיגען וועג — דאס זענען קינדער נישט ערצויגענע.

ס'זענען אבער פאראן קינדער, וואס שטאמען פון רייכערע ספערען, שטענדיג צעלאזענע, פערפיעשטשעטע, וועלכע ווערען פון דער פריהערסטער יוגענד ארומגערינגעלט מיט א זארגפעלטיגער אויפזיכט פון באנעס, הויז-לעהרער און ספעציעלע ערציהערינס. אויך און אט די ספערען איז אפט צו בעמערקען, אז די קינדער זענען נרויזאשנע, אומבעהאלפענע, נישט זעלטען וואקסען זיי מענשען, וועלכע בעזיצען נישט קיין פסיכישע גלייכגעוויכט. דאס זענען שוין קינדער שלעכט ערצויגענע.

און פערשידענע געזעלשאפטליכע שיכטען זענען פאראן קינדער, וועלכע וואקסען אויס מיט דער צייט נישט צוגעגרייטע צום לעבען. אפטמאל זענען די סבות, וואס די ערציהונג איז נישט קיין ראציאנעלע, אדער וואס דאס קינד האט בעקומען און דער שול אנ'אנדערע ערציהונג, ווי און דער היים, נישט בעזיצענדיג דאס פסיכישע גלייכגעוויכט, נישט האבענדיג די געהעריגע זעלבסט-קריטיק, געהט דאס קינד אוועק אין א שלעכטען וועג...

ס'איז דעריבער א היילינגע פליכט פון די עלטערן, וועלכע ווילען זייערע קינדער געבען אנ'ענטשפרעכענדע צוגרייטונג צום לעבען, אז די הויפט-זאך און צו ערציהען אלס גאנצע מענשען מיט א פעסט ענטשלאסענעם כאראקטער. דאס קען נאר דאן דערגרייכט ווערען, ווען צווישען דער שול און דער היים וועט נישט זיין קיין דיסהארמאניע. דאס קינד וועט געפינען און דער היים דעם המשך פון דער שול און אומגעקעהרט — און דער שולע — דעם המשך פון דער היים.

די עלטערן וועלען דאן קאנען פערשטעהן די פערלאנגען און די וואונטשען פון די קינדער און די לעהרער וועלען אויך מעהר אינדיווידועל קאנען בעהאנדלען די שולער. ווייל אויב ס'פעהלט זיי אויס וועלכע ס'איז ידיעות איבער די קינדער, וועלען דאס קאנען ערגענצען די עלטערן. אויב זיי זענען און א שטענדיגען קאנטאקט מיט די לעהרער.

—0—

חוזק

הומאָר און סאַטירע — פון דער וואָך —

צוזאַמענגעשטעלט — פון — אב—נעק.

וואָר-קלאַנגען

בראַוואָ מאַקדאָנאַלד!

פון גראַף קאַלי.

I.

לעבען זאָלען זיי די מעדלעך
— חניך צו פודער, פאַרב, און זייף
— חניך אהויש צו פלירט און ליבע
זענען זיי פּאָליטיש, רייף...

נאָר אַ דאַנק די קלוגע מעדלעך
מאַכען מיר אַ כּוסה באַלד
ווידער איז בריטאַניעס פּרעמיער
אונזער ליבער מאַקדאָנאַלד...

מאַקדאָנאַלד — ער איז אַ חכם
און דערצו אַ גרויסער כּוואַט
איז ער טראַכט פון פּאַלעסטינע
אַנדערש גאָר ווי יאַנקעל פּאַט...

ביידע זענען דאָרט געוועזען
אַנדערש האָבען זיי געזעהן...
איצטער ווען ער שטעהט ביים רודער
ווייס ער ווייזען וואָס ער קען...

יא די מעדלעך קאָנען וועהלען
דאָס איז טאַקי אחו אַ קלער
נאָר אַ חתן זיך אויסוועהלען
קומט זיי אָן אַביסעל שווער...

II.

לעמבערג.

דאָ ביי אונז איז האַלב אַצינדער
און די רעגענס זענען גרויס
נאָר אין לעמבערג. אַך אין לעמבערג
איז געוואָרען פּלוצלונג הייס.

די ענדעקישע סטודענטען
— אַזוי וואויל צו זייער מאַמען
אויסגעהאַלטען שוין בעצייטענס
האָבען זיי דאָרט דעם עכּזאַמען..

אַנשטאָט פיזיק און באָטאַניק
לערנען זיי די „שמאַלצע פּאַנעס"
ווי צושמערען און פערניכטען
חי צו ווערען כוליגאַנעס..

שרייט זיך חוזק! אין רומעניע
לאַנג פערלאַשען איז דיין שטערען.
נאָר דערפאַר ביי אונז אין לעמבערג
איז דיין „תורה" שטאַרק מאָדערן...

אין טראַמוואַי

אַ פּאַציענט אין אַ ווייסען נומער-מאַנטל זיצט אין טראַמוואַי. אַקעגען איבער זיצט אַ צווייטער. דער פּאַציענט בעטראַכט דעם שכן. רופט ער זיך אָן צו איהם: ענטשולדיגט, איהר זענט מיר בעקאַנט. איך האָב אייך ערגיץ וואו געזעהען.

יאָ, ענטפערט דער שכן. מיך קענען אַ סך לאָדזער פּאַציענטען — איך בין דער טאַקסאַטאָר פון לאַמבאַרד.

צווישען אַרבייטסלאָזע

אויף אַ באַנק אין קאָליע-גאָרטען זיצען צוויי אַרבייטסלאָזע און לייענען אַ צייטונג. אין מיטען דערינען ווייזט איינער אָן אויף אַנ'אַנאָנס. זעהסט, ווייזט ער איהם אָן אויף אַנ'אַנאָנס, סאַרע של מזלען מיר זענען, דאָ זוכט אַ פאַבריקאַנט אַר-ביימער פון ביידע געשלעכטען, און מיר זענען פון איין געשלעכט.

האַרמאָניע.

מיין פרוי טוט וואָס זי וויל.
און איהר?
איך אויך!
איהר אויך?
נאַטירליך, איך טו וואָס זי וויל.

אין דער מעדעם שולע.

לעהרער: פאַרוואָס בוזטו נעכטען נים געווען אין דער שול?

שילער: מיין מאַמע איז אַ לינקער, איז ער לערנט מיך קלאַסען-האַס.

אין זכות פון די זאַכען.

האָסט געהערט, אַ לאָדזער מיידעל אַ זאַקען-מאַכערין איז געוואָרען אַ מיניס-טער און אוקראַינע.

ס'איז נישט קיין וואונדער — לעצ-טענס האָבען די זאַקען דערגרייכט צו אַ גאָר „הויכע" מדרגה. האַקראַטעס

הערשעלע

דער יונג

פון ניי ערשינענעם באַנד „שבת אויפ'ן טראַקט".

(אַ מתנה פאַר'ן „חוזק").

ליבען איז אַ נאַרישקייט
מען מוז נאָר זיין יונג!
ווייל מען נאָר אַ מיידעלע —
בעדאַרף מען נאָר אַ וואונק...

דרעהט מען זיך די וואַנסעלעך —
דערזעהט מען גאַנצע טויז;
וואַרפט מען מיט'ן שטעקעלע —
פערכאַפּט זייבאַלד אַ הויז...

ציהט מען פאַר זיי ס'הומעלע,
דערצינדט זיך זיי די ברוסט;
דריקט מען זיי ביים הענטעלע
פערברענען זיי אין לוסט...

ווייזט מען זיי אַ שמייכעלע —
פערפלעכטען זיי די צעפּ;
מאַכט מען זיי אַ חנ'דעלע —
פערדולט מען זיי די קעפּ...

גוט מען זיי אַ צאַצקעלע —
פערליבען זיי זיך באַלד;
זאָגט מען זיי נאָר: ליבעניו!
שפּאַצירט מען שוין אין וואַלד.

פיהרט מען זיך געאָרעמטע —
פערקריכט מען אין געפּויש;
שטרעקט מען אויס דאָס בוזשעלע
בעקומט מען באַלד אַ קוש...

לייכטען העל די נעכטעלעך —
פערגעסט מען אָן די צייט;
אויף די שטילע וועגעלעך,
פערלירט מען זיך אין פרייד...

ווערט אין שטאָט אַ רעדענעש
פערבייסט מען מיט דער צונג,
ליבען איז אַ נאַרישקייט,
מען מוז נאָר זיין אַ יונג!...

אַרום די עקסצעסען אין לעמבערג

צוגעשיקטע ידיעות ספּעציעל פאַר'ן „חוזק"

לעמבערג. (טעלעפאָניש).

די אַנטיסעמיטישע סטודענטען האָבען אין דער רעדאַקציע פון דער פּויליש-יודישע צייטונג „כווילאַ" דעמאָלירט די ראָטאַציאָנס-מאַשין און די לינאָטיפּען. די מאַשינען זענען גלייך אוועקגעשיקט געוואָרען אויף דער לאַנד-אויסשטעלונג קיין פּויזען כדי אויסצושטעלען זיי אין דעם פּרעסע-פּאַוויליאָן.

בוקאַרעסט. (ספּ. צום „חוזק") בעקומענדיג די ידיעות פון לעמבערג, האָט פּראָפעסאָר קוזא אין מיטען דער לעקציע בעגייסטערט אויסגערופען: „מיין תורה געהט שוין ווייט איבער די רומע-נישע גרעניצען.

פּלאָצק. (טעלעפּ.) אין היגען שטאָט-ראַט איז אַריינגעטראָגען געוואָרען אַ פּאָרשלאַג, צו עפענען אין פּלאָצק אַנ'אוניווערזיטעט—די יודישע בעפעלקערונג לעבט אין שרעק.

איבערגעגעבען פון
האַניבּ-פּויגעל.

מאַקדאָנאַלד'ס דעפּעשע צום „חוזק"

נאָך זיין זיג ביי די וואַהלען, האָט מאַק-דאָנאַלד צוגעשיקט אַ דעפּעשע צום „חוזק", וואָס מיר גיבען איבער וועריליך מיט דער יודישער איבערזעצונג:

דיער פרינד עדיטאָר (חשובער חבר רעדאַקטאָר)!

ביי דהי אינגליש אומען מי פאָר דהי וואָינער (די ענגלישע ווייבער האָבען מיך געמאַכט געווינען).

אואָמען איאָמען אוועער אָל (ווייבער ווייבער איבער אַלעס).

מעי לייוו מאי וואָמען (זאָלען לעבען מיינע ווייבער).

רעגאַרדס טו יו (ס'גריסט דיך)
מאַקדאָנאַלד.

אויפגעכאַפּט דעם אָריגינאַל און איבערזעצט אין יודיש ספּעציעל פאַר'ן „חוזק"

פון האַנ: בּ ווינעל.

פּ. ס. מאַקדאָנאַלד האָט נאָך מעהר געשריבען, נאָר דער איבערזעצער האָט פשוט מורא געהאַט פאַר די ציין.

ד. ז.

דיאַלאָגען

צווישען יאָסעל הקרן און משה שכרן

ווי זעהט עפּעס אויס ס'געשעפט?

ביז מיטאָג זעהט מען נישט אַרײַן קיין הונד. נאָכמיטאָג רוהט נישט די מיר —פון בעל חובות מיט פּראָטעסטען.

וואָס זאָגסטו משה, אין ענגלאַנד וועט איצט זיין אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג.

ס'מאַכט נישט אויס. ענגלאַנד איז אזוי רייך, אז זי קען זיך אויף אזא לוקסוס אויך ערלויבען.

זעהסטו יאָסעל, מיט סטאַליג'ען האַלט עס נאָך שמאָל.

נו, וואָס מיינסטו דאַרף ער איצט טון? איך מיין, אז ער מוז בעצייטענס זיין "קרעמעל" אָפּשרייבען אַ צוויטען.

—0—

ער האַלט אין דינגען.

האָסט שוין געדונגען אַ זומער-וואוי-נונג?

כ'האַלט אין דונגען.

וואו?

כ'דינג מיך מיט מיין ווייב, איך זאָג: נין, און זי זאָגט: יאָ. סאַקר.

חוזק-פילאָזאָפיע

מאַקדאָנאַלדים נצחון.

פאַרוואָס האָבען די ווייבער געשטימט פאַר מאַקדאָנאַלד'ן?

ווייל זיי געהערען אַלע צו דער ליבער-פּאַרטיי (געהען מיט נאַקעטע לייבער).

פאַרוואָס זאָגט מען: הויקער'ס האָבען מזל?

ווייל ביי זיי געהט עס כסדר באַרג-אַרויף. סאַקראַטעס.

אין דער שולע.

אין אַ שולע איז געקומען אַ ווזיזיטאַטאָר. די לעהרערין שטעלט די שילער-רונגס די פראַגע: וועלכער איז דער קלענ-סטער צופער אין דער ראַבעלס-צאָרל? אַלע שווייגען.

די לעהרערין איגמער די פלייצעס פון דעם ווזיזיטאַטאָר הויבט אויף צוויי פינ-גער.

פּראַקטישע פראַגע. רופט זיך אָן אַ שי-לערין: די לעהרערין פרעגט, צו זי מעג אַרויסגעהן.

די בעסטע לופט.

ערשטער סוחר: איהר האָט דאָך גע-זאָלט פאָהרען קיין אויסלאַנד, פאַרוואָס באַהרט איהר נישט?

צווייטער: איך האָב מיך איבערצייגט אַז די בעסטע לופט איז אין פּוילען. אַ סימן: אין פּוילען לעבען אַלע פון דער לופט.

וואָס ווילען די לאָדזער „מאַגנאַטען" טון מיט זייערע לוקסוס-אויטאָס?

גאָלדענע פּערספּעקטיוון אויף דער נאָהענטער צוקונפט.

געוועזענער פאַבריקאַנט: קויפט, קויפט ציבעלעך, פּעטרישקעס, מייערן, ציבעלעס, רעטיכלעך, רעבאַרבאַרען, שפּינאַ, קאַלאַראַרען, ביליג, שפּאָט ביליג.

קאָלאָמבוס דער צווייטער

פון דער סעריע: „כ'בין אַ ליעטניק" - פון י. אבערזשאַנעס.

ווינשט מיר מזל-טוב — כ'בין שוין מיט מזל אַ ליעטניק. וואו איך וואוין? כ'וואָלט אייך געזאָגט, פאַרוואָס זאָל איך אייך נישט זאָגען? וואָס וואָלט מיך געאַרט, ווען איהר זאָלט אויך מאַכען אַזאַ וואַנד ווי איך מאַך. ווי שטעהט דאָס געשריבען, אַז גראָד איך אַליין זאָל וויסען דעם טעם פון אַ זומער-וואוינונג אויפ'ן דאָרף. פאַרוואָס זאָלט איך אייך נישט יעדען פרייטאָג שווינצען ווי אַ בויבער און סאָפּען ווי אַ לאָקאָמאָטיוו, וואָס שלעפּט אַ שווערע לאָדונג? איך וואָלט אייך דערצעהלט וואו ס'שטעקט מיין דאָרפיש גן-עדן התחתון, איך האָב אָבער מיין ווייב, דער ליעטניקשקע געגעבען אַ שבועה, אַז איך וועל קיינעם נישט איבערגעבען דעם סוד. מחמת דאָס דאָרף האָט זי אַנטדעקט. אַ נייע שוואַרץ, אַ נייע רוויערע, קאָלאָמבוס האָט אַנטדעקט אַמעריקאַ, און מיין ווייב האָט אַנטדעקט — אַ נייע ליעטניסקאַ! ווי אַזוי קומט מיין ווייב צו דער דאָזיגער אַנטדעקונג, און וואָס איינגענטליך האָט זי אַזעלכעס אַנטדעקט? וועל איך אייך באַלד דערצעהלען:

געוועזען איז עס די וואָך נאָך פּסח, און צו מיין אומגליק האָט זיך געשטעלט אַ זוניגער מאַי. פאַר וועלכען איך האָב זיך אַזוי שטאַרק געשראָקען... זונענדיג אַזוי ביים טיש. די זון-שטראַהלען ווי שפּולקעס שטעכען מיך ווי גופּטונע שפּיזען. מיינע דרעהט זיך אַרום און שטויב און אַ ברייטען, דינעם שלאַפראָק, דעבעט און פאַכעט זיך מיט אַ פּאַפּירענעם פעכער. אַז איך האָב געזעהן מיין ווייב'ס רעפּוטוציע איז מיר געוואָרען קאַלט ווי איך וואָלט געזעסען אין דער „וואָלאַסקאַ כלאָדניאַ". כ'האָב פאַרשטאַנען דעם פּשט פון דעם דעבען און פאַכען זיך. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איבערדעמונג זיך דאָס דינע ברייטע זומער-דינגע אַפּאַל-קלמדעל איז מיט אַ נעמוכע

בוגה. איך בין געזעסען און געוואַרט, און איך האָב מיך מאַקע דערוואַרט.

וואָס טוט זיך מיט דיר, שמשון בעריש? האָט זי זיך צו מיר געווענדעט מיט אַ רחמנות-טאָן, ווי קאָנסטו אין אַזאַ „אַפּאַל" געהען און ראַק מיט די קאַמאַשען אויף די פיס — ס'ברענט דאָך דרויסען אַ פייער! איך, זאָגט זי, קען מיר קיין „מיעכצע" נישט געפינען, און ער געהט איינגעבאַבעלט ווי ס'וואָלט געווען אַ פראָסט...

עי, פּרוב איך זי פּלאַמשונג צו מאַכען, וואָס דיר קען אַליין איינפאַלען. היינט איז אַ היץ, איך זאָג דיר באמת. אַז מיר איז קוהל. נאָך די גרויסע פרעסט, זאָג איך, אַז ס'שיינט אויף די זון, דאַכט זיך אַז ס'איז וואַרים. דאָס הייסט ביי דיר אַ היץ? העע... העע... — וואָס דיר קען איינפאַלען. והשנית, האָב איך געכאַפּט די פּוש פאַר די נעץ, וואָס קען מען זיך העלפען, אַזאַ בוטערע ציינט, מ'זעהט נישט קיין גילדען פאַר די אויגען. אַנדערע ציינטען האָט מען שוין אין דער ציינט געהאַט אַ ליעטניסקע, זומער-וואוינונג. אָבער היינט קען מען זיך נישט איינרעדען אַזאַ לוקסוס.

אָט, זאָגט זי, ווענען דעם האָב איך טאַקע געוואָלט מיט דיר זיך אַדורכשמועסען. דו ווייסט דאָך, זאָגט זי, אַז איך בין נישט פון די היינטיגע „מעג-זשאַטקעס", וואָס געהען גוט אַרוין און דער „פּאָלאַזשעניע", וואָס ווייסען נאָר איינס: — „דאַוואַי"! איך ווייס, אַז קיין אייזן האָהר און קאַפּ איז נישט דינגע. איך האָב אָבער אַ געניאַלען פּלאַן.

אַ געניאַלען פּלאַן? אינטערעסאַנט צו הערען מיין ווייב'ס געניאַלע פּלענער. וואָסערע געניאַלען פּלאַן האָסטו?

דו ווייסט דאָך, שמשון, בעריש, אַז אַ זומער-וואוינונג נעם איך נישט פאַר מיר אַליין. וואָס טוט מען נישט פאַר קינדער. וואו וועלען זיך די עופה'לעך אהינטאָן אין אַזעלכע היצען. אַ גאַנצען זומער זיצען אין דעם רע לאָדז, נישט זעהען אַ גרעזעל פאַר די אויגען.

נו, נו, זאָג איך, וואָסערע עצה האָסטו?

אך האָב. זאָגט זי, אַנ'עצה, אַז דער וואָלף זאָל זיין זאַט און דאָס ציגעלע גאַנץ. ווי שטעהט עס, זאָגט זי געשריבען, אַז מ'מוז וואוינען און ווישגאָראָד גערע אָדער און פּאָדעמביע, ווער הייסט מיך וואוינען און אַ ווילע מיט אַלע מאַג-נאַטען צוגלייך. פאַרוואָס זאָל מען זיך מער נישט וואוינען און אַ דאָרף. און אַ פּראָסטע דאָרפישע כאַטע, אַ דאָרפישע כאַטע, זאָגט זי איז פיל „זאַוימיאַנצער" און אַ סך געזונדער. „פּשעראָווישטש-קעס" — די מואַלעטען, צו וואָס אויף אַ זומער-וואוינונג געהען אַנגעטאָן און זיידענע קליידער מיט לאַקירטע פּאַנטאָ-פּעל, דאָס איז גוט פאַר אונזער שכנ'טע-זעלדע די פּאַנפּעראַנקע. וואָס יאָגט זיך נאָך אַ „שאַנס", איך בין דאָך נישט פון די, איך וויל מאַקע הויזאַהר וואוינען און אַ „פּראַוודזשיווע וויעיסקע כאַטקע" כ'וועל מיך קענען „פּאַלען" וואו כ'וועל וועלען. ס'וועט מיר קיינער נישט „פּשעשקאַדזען", כ'וועל נישט האָבען קיין נאַכקוקער'ס, כ'וועל נישט האָבען קיין עסק מיט פּאַצעטען. ס'איז מיר, זאָגט זי, ליבער צעהן פּויערים ווי איין פּאַ-צעט מיט ווייסע הויזען... דאָס איז איינס, פאַר ס'צווייטע, זאָגט זי, וועט עס דאָך קאָסטען אַ העלפט. וואָס זאָג איך אַ העלפט — אַ דריטעל! אז איך וועל האָבען אַ זומער-וואוינונג, אַז עס וועט נישט קאָסטען קיין סך געלט, איך וועל זיין צופרידען. נו, וואָס זאָגסטו צו מיין פּלאַן?

דער פּלאַן, זאָג איך, געפעלט מיר, פאַאָר, זאָג איך, און זיי מצליח!

מיינע, אַ גליקליכע פון מיין הסכמה האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער מדינה זוכען, און אַז מ'זוכט געפינט מען. זי האָט טאַקע געפונען. אי, הערט איהר האָט זי געפונען; כ'ווינש עס אַלע מיינע גוטע פריינד. אָט אַרט מיך, אַז מיינע גוטע פריינד וועלען אויך אַזוי אויסגערוסען ווערען ווי איך?!...

פאַרגאַנגענעם שבת האָב איך טאַקע געמאַכט די ערשטע נסיעה און מיין ווייב'ס ניי-ענטדעקטען גן-עדן התחתון. איך וועל עס אייך מאַקע דערצעהלען, און אויב איהר ווילט, קענט איהר מיך מקנא זיין.

לויט דעם אַנגענומענעם רייזע-פּלאַן האָב איך מיך אַנ'אַנגעלאַדענער ווי אַ מויל-איזעל געלאָזט צו דער באַהן. האָבען מיר דאָך אָבער אַ נייעם „ראַזקלאַד יאַזדע", בין איך געקומען פונקט מיט פינף נאָכ'ן באַהן-אָבגאַנג. מילא, פעדער פאַלען, זעץ איך מיך אַוועק אויף מיין אַנגעפּאַקטען טשעמאַדאַן. געזעסען געדרימעלט, געמאַכט די פּעקלעך צו עס האָט זיך נישט דערוויל אַנ'אַנדערער מרחם געווען דערויף. אַפּגעזעסען אַ צוויי דריי שעה — דערוואַרט זיך. דער משחית מיט'ן קומען איז דאָ. אויף דער ניד, בחפזון'דיג האָב איך אַ כאַפּ געטאָן דעם באַגאַזש, וואַרום וואָס העלפט איך אייך אויהם מוז, אַז ער וועט מיר ווידער אַנטלויפען? און אַ מינוט אַרום בין איך שוין „געזעסען". אַ ליעטניק און זוכען זענען דריי זאַכען. געניג, אַז איך האָב געהאַט וואָס מען געזעצט אהנצוטון. צוויי פּעקלעך אונטער דער באַנק, דריי פּעקלעך אויף דער פּאָליצע, דעם טשעמאָדאַן אויף דער באַלאַנגע. די מעקע אויף אַ צוויימענס קניה, און אַליין האָב איך געהאַנגען אין דער לופטען, אָבער ווען מען אַרט עס, ווי זאָגט איהר: מ'איז שוין געוואוינט צו די צרות.

אַזוי בין איך געהאַנגען אין דער לופט. מען בין איך אַבגעהערעהרט דעם קאָנדוקטאָר אויסשרייען: „סטאַציע אויקס" (וואו די סטאַציע הייסט, קען איך אייך נישט זאָגען, מחמת איך האָב מיין ווייב געגעבען אַ שבועה, אַז כ'וועל פאַר קיינעם נישט אויסזאָגען דעם סוד). דערהערט דעם נאָמען פון דער סטאַציע האָב איך מיך אַראָפּגעשלעפּט פון דער באַהן. אַראָפּגעקומען בשלום מיט מיין באַגאַזש. בין איך געבליבען שטעהן ווי שלום עליכם'ס „דיטש" אויף דער סטאַציע דראַזשנע און געוואַרט, אפשר וועט נאָך ווער אַראָפּגעהן, וועלען מיר געהן צוזאַמען. וואַרט היינט, וואַרט מאָרגען, אַ גאַנצענער יום. בוז וואָס, ווען, האָט דער לאָקאָמאָטיוו אַנגעפיפען און והילד איננו — נישטאָ! נישטאָ קיין צונג, נישט קיין לעבעדיגער מענש, איינער אַליין שטעה איך אויפ'ן בעראַג.

וואו געהט מען? וואו שטעקט דאָס דאָ ערגעץ מיין ווייב'ס גן-עדן? נעם איך אַרויס דאָס צעטעלע וואָס מיין ווייב האָט פאַרשריבען דעם אַדרעס, לייען: סטאַציע אויקס, פינף מינוט גאַנג צום דאָרף.

יאָ, טראַכט איך מיר, פינף מינוט גאַנג. אָבער וואו, און וועלכער ריכטונג: רעכטס, לינקס, צוריקגעהן פינף מינוט, אָדער פינף מינוט פאָראויס? דערווייל הויבט אָן ווערען טונקעל. ס'פאַלט צו די נאַכט. און עפּעס ווי פון הימעל אַראָפּ האָט זיך גענוועט אַ פויער, אַ גלויביגער פון דעם צוגעשיקטען מלאך מיט אַ מאַשקעזאַוועקע איבער די אויגען, האָב איך איהם נאָכגערעדט: ווי לוגט דאָ ערגעץ דאָס דאָרף אויקס, וואָס איז פינף מינוט גאַנג פון באַהן?

האַ... האַ... האָט זיך דער פויער צעלאַכט: ס'וועט אייך, זאָגט דער פויער, ווערען גרין און געל פאַר די אויגען פון די פינף מינוט גאַנג.

לויט דעם אַנגעוויזענעם וועג האָב איך מיך געלאָזט און וועג אַרויס, דעם טשעמאַדאַן האָב איך גענומען אויף די פּלייצעס, די פּעק אַנגעהאַנגען ביי די זייטען האָב איך גענומען שפּאַנען.

ווי איך האָב אויסגעזעהן? ווי אַזוי איך האָב מיך געשלעפּט מיט די פּעק איבער די זאַמדען און בלאָטעס? פּונקט ווי אַנ'אַנגעלאַדענע קעמעל אין דער מדבר, בוז דער קניה און זאַמד, דעם קאָפּ צו דער ערד געבויגען, דער שווייס האָט גערינען ווי איך וואָלט אַרוים פון אַ הייסער שוויץ-באַד. פאַר יעדען פויערישען הייזעל האָבען מיך מקבל פּנים געווען די הינט מיט אַ רציחה, נאָך גוט. וואָס איך האָב ביי מיר געהאַט אַ שטעקען, ווען נישט, וואָלט יעצט נישט געווען ווער ס'זאָל אייך דערצעהלען פון מיין ווייב'ס ניי-ענטדעקטען גן-עדן התחתון.

קוים אַ לעבעדיגער בין איך אַנגעקומען אין דאָרף אויקס, וואו ס'וואוינט מיין ווייב אויף זומער-וואוינונג.

נאָך דעם, ווי איך האָב מיר געלענט קעלטע קאָמפּרעסען אויפ'ן קאָפּ, און נאָך די מאַסאַזשען מיט שמירעכץ נאָך האָבען באַנקעס, וואָס מיין ווייב האָט מיר געשמעלט. פרעגט מיך מיין ערך פינגערדין: נו, וואָס זאָגסטו, שמשון בעריש צו אונזער ליעטניסקע?

זעהר פיין, זאָג איך, נאָר אַ פיינע ליעטניסקע, „מ'שפּירט", אַז מ'איז אויף אַ זומער-וואוינונג. איצט דער „זמיר דאַק" איז אַ זעלטענער: פון רעכטס — די קוה-שטאַל, לינקס — אַ קאַמער מיט קאַרטאָפעל, פון וועלכער ס'טראָגט זיך אַ מחיה'דיגער געשמאַק... נעבען פענסטער באַשעט זיך אַ חזיר מיט יונגע חזירים'לעך — אַ דאָרף, אַ פּשוט דאָרף, אַזוי ווי מיין ווייב האָט „געראַזשעט" באַלד נאָך פּסח.

נו, וואָס זאָגסטו, שמשון בעריש צו דעם ווידאַק? האָט מיך מיין ווייב אַרום געפירט און געוויזען די רייכע נאַטור, זעהסט, זאָגט זי, ווי איך געה דאָ אַרום, באָרוועס, נישט אין קיין זינד, ווי אַ לאַקיר, אָט אַזוי, זאָגט זי, דאַרף מען לעבען זומער אויפ'ן דאָרף.

ווי די נאַכט האָט אויסגעזעהן איז נישט ווילכמונג, דער עיקר איז געווען דער פרוהמאָרגען. פאַרטאָג האָב איך מיך אויפגעכאַפּט, די דעק אַראָפּגעציגען, און דער שטוב האָט זיך אַרומגעשאָצורט דער חזיר מיט די קליינע חזירים'לעך. אויפ'ן בעט איז געשטאַנען אַ האָהן מיט אַ רויטען קאַם, און האָט מיך פאַרטאָגס בעגריסט מיט אַ ברייטען קו-קו-רי-קו... די קאַץ האָט דערווייל פערצווכט ס'צומעס. וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן פענסטער — אַ גאַנצען זאָאָלאָגישען גאַרטען האָב איך געהאַט שבת פאַרטאָגס ביי מיר אין שטוב.

איצט גרייט איך מיך צו דער צווייטער נסיעה, אויב איהר ווילט, קענט איהר מיך מקנא זיין. נו, וואָס זאָגט איהר צו מיין ווייב — קאָלאָמבוס דער צווייטער?!...

לאדזער כראניק

נאכט-דיזשורנע אין די אפטייקען.

היינט דיזשורירן פאלגענדע אפטייקן ס. ליפיעץ פעטריקאווער 193, מ. מ... מ"ר פעטריקאווער 46, גראשקאווסקי קאנסטאנטינער 15, פערעלמאן צעגעלניאנא 64, ניעוויאראווסקי אלעקסאנדראווסקא 37, יאנקיעלעוויטש אלטער מארק 9.

מאסען-עקזעקוציעס פאר די חובות אין פערזיכערונגס-אמט פאר גייסטיגע ארבייטער.

(ח) דער פערזיכערונגס-אמט פון די גייסטיגע ארבייטער טרעט מיט די טעג צו צו א מאסען-עקזעקוציע ביי די פירמעס, וואס האבן נאך ביז איצט נישט ארייגעטראגן די סקלאדקעס פאר זייערע אנגעשטעלטע.

פון דער לאדזער קרעדיט-באנק, פיעטריקאווער 6

די לאדזער קרעדיט-באנק פיעטריקאווער 6, וועלכע עקזיסטירט ערשט 3 וואכען, האט שוין אין משך פון דר צייט בעוויזן צו פיהרען א זעהר פרודוקטיווע טעטיגקייט און ארויסגעגעבן א גרעסערע צאהל איינפראצענטיגע הלוואות צו איהר מיטגלידער. די באנק נעמט אויך אן אויף דיסקאנטא צו א זעהר ביליגן צינז-פוס.

אקושערקע טרייבט אפ א געבורט ביי א כלה

און דאס מעדעל שטארבט א פאר טעג נאך דער אפעראציע

דער ברודער פון דער פערשטארבענער גיט זי איבער צום געריכט און די אקושערקע דינגט א מערדער פאר 1000 זל. איהם אפצורוימען פון וועג. די זעלבע אקושערקע איז אמאל געשטאנען אונטערן פערדאכט. אז זי זאל האבן ערמארדעט איהר איינעם מאן — א פאליציאנט.

(§) פאר'ן לאדזער קרייז-געריכט שטעהט א פרוי און די מיטעלעלטע יאהרען, א געוויסע סטאניסלאווא קאזארסקא, אן אקושערקע, וואס פערנעמט זיך מיט אפטרייבן געבורטען. קאזארסקא איז שוין נישט פאר'ן געריכט קיין פנים חדשות. מיט 2 יאהר צוריק איז זי געשטאנען אונטערן שווערן פערדאכט אז זי זאל האבן ערמארדעט איהר איינענעם מאן, דעם פאליציאנט קאזארסקי, וועלכען מ'האט אין א שעהנעם פרימארגען געפונען מיט ארורכגעשטאכענער ברוסט אויפ'ן פעלד הינטער לאדז.

צוליב מאנגעל און בעווייזען איז זי דעמאלס בעפרייט געווארען.

איצט האט זי אויף זיך א „פאר"-פראצעס.

מיט א פאר חדשים צוריק איז צו איהר געקומען, געקומען די 18-יעהריגע מאריא קאסיק, א פרייליין מיט א בויך, און בסוד סודות מיט איהר אפגעמאכט, אז זי, די אקושערקע, זאל זי ראטעווען פון שאנדע און מאכען איבער איהר אנ'אפעראציע, ווייל דער חתן, האט דאס מיידעל ערקלערט, וואס געהט מיט מיר חתונה האבען, וויל מיך נישט פיהרען אין אזא מצב אונטער דער חופה, הגם ער ווייסט גאנץ גוט, אז „דאס" איז זיין „ארבייט". אפגערעדט א פרייז און קאזארסקא האט זי צוזאגט געהייסען קומען.

צוזאמענגעם איז פרייליין קאסיק געקומען מיט איהר חתן משעסלאוו מאטושעווסקי, וועלכער האט געצאהלט דעם אפגערעדטען פרייז און קאזארסקא האט זיך גענומען צו דער ארבייט. און א פאר שעה ארום איז קאסיקובנא אהיימגעגאנגען מיט א גדולה, וואס זי איז פטור געווארען פון „פעקעל". די שמחה האט אבער לאנג נישט גענדויערט און קאסיקובנא האט זיך אוועקגעלעגט אין בעט אריין. אפגעלעגן א פאר טאג און געשטארבען. דאקטוירים האבן ערקלערט, אז ביי דער „אפעראציע" האט זי בעקומען א בלוט-פערגיפטונג און דאס האט די פרוהצייטיגע געטריבען אין גרוב אריין.

דער ברודער פון דער פערשטארבענער האט געשוואוירען נקמה צו נעהמען און דער אקושערקע און ער האט די גאנצע געשיכטע איבערגעגעבן צו דער פאליצי.

אזוי אט איז געקומען פארגעקומען דער פראצעס. אויף דער בעשולדיגונגס-באנק זיצט די אקושערקע קאזארסקא, איהר'ס א שותפ'טע מאטשאלאזש און קאסיקובנא'ס חתן מאטושעווסקי. אנ'ערשיטערנדע איינדרוק מאכען די ווערטער פון קאסיקובנא'ס ברודער, וועלכער שטעהט פאר'ן געריכט אלס עדות. ער ערקלעהרט, אז א מענש, וועמענס נאמען ער וויל נישט דערמאנען ווייל ער האט מורא פאר נקמה, האט איהם מיט א צייט צוריק דערצעהלט, אז די קאזארסקא האט געוואלט דינגען א מערדער איהם אפצורוימען פון וועג, כדי עס זאלען נישט זיין קיין עדות פון איהרע שווערע פערברעכענס.

א צווייטער עדות, יוזעף מאטושאק, קאזארסקא'ס א שכן, דערצעהלט, אז די קאזארסקא, וועלכע האט מיט איהם אמאל זעהר גוט געלעבט און נישט געהאט פאר איהם קיין שום סודות, האט איהם אמאל ארייגגערופען צו זיך און שטוב און איהם פארגעלעגט 1000 גילדען, אז ער זאל אפרוימען פון וועג דעם עדות קאסיק, דעם ברודער פון דער פערשטארבענער. און ווען ער האט זיך דערפון מיט עקעל אפגעשאקעלט האט זי איהם פארגעלעגט, אז ער זאל זוכען א צווייטען, וואס וועט זיך וועלען אונטערנעמען דורכצופיהרען דאס דאזיגע שמוציגע ארבייט און יענער וועט דערפאר בעקומען 2000 זל. שכר טרחה און א רעוואלווער צו דערשיסען קאסיקען. דער עדות האט איהם אבער אויך דעריין אפגעזאגט.

פרוי מאטושאק ערקלערט ווידער, אז איהר שכנ'טע קאזארסקא האט איהם פארגעלעגט, אז זי זאל זאגען פאר'ן געריכט, אז זי האט איינמאל געטראפען קאסיקען ביי דער קאזארסקא און שטובע, און ער האט פון איהר געפאדערט א גרויסע סומע געלד, א נישט, האט ער געדראהט, וועט ער מעלדען דער פאליציי, אז זי האט אפגעטריבען א קינד ביי זיין שוועסטער און זי איז דערפון געשטארבען.

אנ'אינטערעסאנטע רעדע האט געהאלטען דער פראקוראר, וועלכער האט צווישען אנדערן ערקלערט, אז ער וועט זיך גאר בעמיהען צו רעווידירען קאזארסקא'ס פאר צווייעהריגען פראצעס, ווען זי איז בעפרייט געווארען פון'ם פערדאכט אינ'ם מארד פון איהר מאן. דער פראקוראר האלט, אז נאך איהר האנד איז דערביי געווען, אז א פרוי, וואס איז פעהיג צו דינגען א מערדער אפצורוימען פון וועג אנ'עדות איז אויך פעהיג צו דינגען א מערדער אפצורוימען דעם איינענעם מאן, מיט וועלכען זי האט נישט אזוי גוט געלעבט. די דאזיגע ווערטער האבן געמאכט א שטארקען איינדרוק און זאל.

קאזארסקא איז פער'משפט געווארען אויף 1 יאהר תפיסה. איהר שותפ'טע און די קאסיקובנע'ס חתן זענען בעפרייט געווארען.

די פעראורטיילטע האט אויף זיך נאך 2 פראצעסען פון פערבאטענע אפעראציעס.

TEATR MIEJSKI
Cegielniana 63.
Pożegnalne występy
Mosk. Artyst.
Teatru (STANISŁAWSKIEGO)
Dziś, Piątek —7 czerwca Potęga Ciemnoty L. Tołstoja.
Sobota 8 bm. poraz ostatni Wujaszek Wania Czechowa
Niedziela 9 bm. o godz. 4 pop. Ożenek (Żenit'ba) — Gogola
Ceny popołudniowe
o g. 8.30 wieczor. Bracia Karamazow Dostojewskiego.
Poniedziałek, dnia 10 czerwca — Pożegnalne przedstawienie Żywy Trup Tołstoja
Początek przedst. o g. 8,30 w.

פון „אהל-יעקב"

מארגען שבת פרוה ביים דאווענען וועט אין דער שוהל „אהל-יעקב" (גדאנסקא 18) האלטען א רעדע ד"ר י. ד. קאנטאראשטשיק פון בערלין, וועלכער וועלט די לעצטע טעג און אונזער שטאט.

טעאטער און קונסט

מארגען דער „חזנ'דעל" אין יודישען טעאטער

פאול ברייטמאן

וויערא קאניעווסקא

שבת אוונד, הויבען זיך אן אין יודישען טעאטער אין „פילהארמאניע" די גאסטשפילען פון דריי אויסגעצייכנעטע אפערעטען-שוישפילער: וויערא קאניעווסקא, פאול ברייטמאן און מאקס ברין.

די גאסט זענען דעם לאדזער טעאטער-עולם נישט פרעמד. מיט יאהרען צוריק זענען זיי דא אויפגעטראטען און „סקאלא" און שטענדיג מיט א גרויסען ערפאלג. פון פוילען האבען די ארטיסטען אונטערנעמען א טורנע איבער אפריקא און דרום-אמעריקא. און ארגענטינע, בראזיליען זענען זיי אויפגעטראטען מיט א ריזיגען ביפאל. צוריקקומענדיג פון דרום-אמעריקא האבען זיי ערפאלגרייך גאסטראלירט אין ריגא און לעצטענס אין ווארשא.

וויערא קאניעווסקא איז אהן א ספק איינע פון די בעסטע סובריעטקעס אויף דער יודישער סצענע און פאול ברייטמאן איז א גוטער זינגער-ליבהאבער מיט א שעהנער שטים. מאקס ברין, אלס קאמיקער, געהערט אויך צו די בעסטע און דעם זשאנר.

צום ערשטען אויפטריט ווערט מארגען געגעבען „דער חזנדעל", א לייכטע, מעלאדיעזנרייכע אפערעטע, וואס האט זיך אין ווארשא זעהר לאנג געהאלטען אויפ'ן אפיש, פרוהער מיט נעלו קעסימאן, שפעטער מיט וויערא קאניעווסקא.

טאלסטאי'ס די „מאכט פון דער פינסטערניש"

היינט ביי די מאסקווער קינסטלער

די גאסטראלען פון מאסקווער קונסטלערישען סטאניסלאווסקי-טעאטער געהען צו ענדע. אמת, דער ערפאלג פון דער גלענצענדער טרופע שטייגט פון טאג צו טאג און יעדער פארשטעלונג ווערט אויפגענומען מיט ענטציקונג און בעגייסטערונג, אבער דער טערמין פון די גאסט-שפילען איז שוין דערצוגענט: קומענדיגען דינסטאג שפילען שוין די מאסקווער קונסטלער אין ווארשא.

היינט אוונד וועט דאס מאסקווער קונסט-טעאטער בעעהרען דעם 100-יעהריגען געבורטס-טאג פון גענייאלען רוסישען שריפטשטעלער לעוו טאלסטאי דורך אויפפיהרען זיין בערוהמט ווערק „די מאכט פון פינסטערניש". מארגען אוונד צום צווייטען און לעצטען מאל — משעכאוו'ס „דיאדיא וואניא". זונטאג ווערען געגעבען צוויי פארשטעלונגען: ביי טאג גאגאל'ס „זשעניטבא", און אוונד — „די ברידער קאראמאזאוו" פון דאסטאיעווסקי.

פון שטאטישען טעאטער

די נאהענטסטע פרעמיערע אין פוילישען טעאטער וועט זיין דאס סענסאציאנעלע ענגלישע שטיק פון וואלעס „דער לעצטער פארהאנג". די פרעמיערע קומט פאר דינסטאג און די הכנסה וועט געהן לטובת דעם קאמיטעט צו שטעלען א דענקמאל דעם קסיענדז אינג. סקארופקא.

פון קאמעראל-טעאטער.

צוליב דער גענעראל-רעפעטיציע קומט היינט נישט פאר קיין פארשטעלונג. מארגען פרעמיערע פון עקזאטישען שטיק „יאשוואראי".

„סקאלא" זאל ווערען א פויליש טעאטער?

דער דימיסיאנירטער דירעקטאר פון שטאטישען טעאטער ד"ר גארטשינסקי זאל שאפען א פריוואטען פוילישען טעאטער אין לאדז. דער דאזיגער פראיעקט זאל אונטערגעשטיצט ווערען פון די הונגעפונאנץ-קרייזען, וועלכע זאלען צו דעם צוועק אפקויפען דאס „סקאלא"-טעאטער.

לעזט און אבאנירט דאס „לאדזער טאגעבלאט"

ווילט איהר!!! זיך אסעקורירען אויף לעבען, פייער, גנבה, זעהר גוטע בעקוועמע פאר אייך בעדינגונגען
קלינגט תיכף אן טעלעפאן № 12-50
אין דער פערזיכערונגס-ביורא
פון מרדכי חיים רומקאווסקי
קילינסקיעגא — 105 —
ווי איהר וועט זאפארט בעזוכט ווערען, רעיעל און פינקטליך בעהאנדעלט ווערען.
פערזוימט נישט!!!
טיטיגע אגענטען קאנען זיך מעלדען.

פאבאר פון יאהרגאנג 1908

ווער דארף זיך שטעלען היינט און מארגען?

היינט דארפען זיך שטעלען צו דער פאבאר-קאמיסיע 1 אויף פאמארסקא 18 די פאבאראווע פון יאהרגאנג 1908, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 5. קאמיסאריאט און וועמענס פאמיליען-נעמען הויבען זיך אן מיט T, U, W.

פאר דער פאבאר-קאמיסיע 2 אויף גראדאווע 9 דארפען זיך שטעלען די פאבאראווע פון יאהרגאנג 1908, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 10-טען קאמיסאריאט, וועמענס פאמיליען-נעמען הויבען זיך אן מיט M, N, O, P, R.

צו דער פאבאר-קאמיסיע 3 אויף זאקאטנא 82 מוזען זיך שטעלען די פאבאראווע פון יאהרגאנג 1906, (אדראטשעניע) פון 9. און 11. קאמיסאריאט פון אלע ליטערעס.

מארגען, שבת. דארפען זיך שטעלען צו דער 1. קאמיסיע (פאמארסקא 18) יאהרגאנג 1908 פון 5. קאמיסאריאט די נעמען, וואס הויבען זיך אן מיט R.

פאר קאמיסיע 2 (גראדאווע 34), יאהרגאנג 1908 פון 5. קאמיסאריאט מיט נעמען, וואס הויבען זיך אן מיט S, T, U, W, Z.

פאר דער 3. קאמיסיע (זאקאטנא 82) יאהרגאנג 1907 (אדראטשעניעס) פון 3. קאמיסאריאט מיט ..., וואס הויבען זיך אן מיט A, B, C, D, E, F, G.

דירעקטאר פון פאזנאנסקי'ס פאבריק — רעגירונגס-קאמיסאר פון דער לאדזער קראנקען-קאסע

היינט אדער מארגען זאל ער שוין איבערנעמען די מאכט

(§) פון גוט אינפארמירטע קוועלען דערוויסען מיר זיך, אז דאס ארבייטס-מיניסטעריום האט שוין ענטגילטיג בעשלאסען ארייצוזעצען א רעגירונגס-קאמיסאר אין דער קראנקען-קאסע. אלס קאמיסאר וועט אבער נישט נאמינירט ווערען ד"ר זאקטשעווסקי פון לעמבערג נאר דער דירעקטאר פון פאזנאנסקי'ס פאבריק ד"ר לאפושאנסקי, וועלכער איז שוין נעכטען ארויסגערופען געווארען קיין ווארשא. ד"ר לאפושאנסקי וועט איבערנעמען דעם אמט גלייך נאך זיין צוריקקומען קיין לאדז, ד. ה. היינט אדער שפעטענס מארגען.

CASINO
היינט און ווייטערע טעג!
דער לאנג-ערווארטעטער פילם פון הומאר
„דער ספארטמאן אויס ליבע"
אין דער הויפטראל דער וועלט-בעוואוסטער קאמיקער
Buster Keaton
ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ל. קאנטאר
אנהויב 4.30 נאכמ.

פאלקס-אוניווערזיטעט ביי דער ציונ. ארגאניזאציע

מארגען, שבת ד. 8/6, 8 אוונד קומט פאר אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע (צעגעלנ. 4) א העברעאישער שיחה איבער פראבלעמען פון דער יודישער און אלגעמיינער געשיכטע מיט דער בעטייליגונג פון ד"ר פ. פרידמאן, זונטאג, ד. 9/6, 8,30 אוונד אין דעמזעלבען לאקאל — פארלעזונג פון ד"ר י. ד. קאנטאראשטשיק פון בערלין אויף ד. ט.: „ענטפארטונג און ווידערגעבורט" (גלות און ארץ-ישראל). דער איינגאנג פריי.

צום בעזוך פון פראפ. בראדעצקי און קורט בלומענפעלד אין לאדז

דער בעזוך פון די פראמינענטע ציוניסטישע פערזענליכקייטען, פראפעסאר ז. בראדעצקי און קורט בלומענפעלד און אונזער שטאט האט ארויסגערופען א גרויסען אינטערעס אין די הינגע יודיש-נאציאנאלע קרייזען.

פראפ. בראדעצקי איז איצט איינער פון די טעטיגסטע מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין לאנדאן, ער פיהרט אן, צוזאמען מיט ד"ר וויצמאן, די פאליטישע ארבייט פון דער עקזעקוטיווע און שטעהט אויף אזא אופן און מיטעל-פונקט פון ציוניסטישען פאליטישען לעבען. פראפ. בראדעצקי איז גלייכצייטיג א פיהרענדע פערזענליכקייט אין דער ענגלישער „לייבור-פארטיי", וואס איז בעזונדערס וויכטיג איצט, נאך דעם זיג פון דער דאזיגער פארטיי ביי די פארלאמענטס-וואהלען און ענגלאנד. פראפ. ד"ר בראדעצקי פערנעהמט אויך אנ'אנגעזעהענעם ארט און דער וויסענשאפטליכער וועלט. ער איז א בעריהמטער געלעהרטער און פראפעסאר פון מאטעמאטיק אין דער אוניווערזיטעט אין לידס. ער איז אויך און זיין צייט דורך פראפ. איינשטיין אנגעצייכענט געווארען אלס קונפטיגער רעקטאר פון דער אוניווערזיטעט אין ירושלים.

קורט בלומענפעלד פערנעמט זייט א רייהע יאהרען א פיהרענדע שטעלונג אין ציוניסטישען לעבען בכלל און אין דייטשען ציוניזם בפרט. ער איז א לאנג-יעהריגער מיטגליד פון ציוניסטישען אקציאנס-קאמיטעט און פרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעראייניגונג אין דייטשלאנד. קורט בלומענפעלד איז אויך בעקאנט אלס איינער פון די בעדייטענדסטע און גייסטרייכסטע רעדנער און דייטשלאנד.

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט, וועט און צוזאמענהאנג מיט דעם בעזוך פון די אנגעזעהענע ציוניסטישע פיהרער איינגעארדענט ווערען דעם קומענדיגען מאנטאג, אוונד און קינא-טעאטער „ספלענדיד" א גראנדיעזע אקאדעמיע מיט דער בעטייליגונג פון די חשוב'ע געסט, וועלכע וועלען רעפערירען אויף ד. ט.: „דער 16-טער ציוניסטישער קאנגרעס און די יודישע אגענציע". בילעטען שוין צו בעקומען און ציוניסטישען ביורא.

ווען איהר געהט אריבער די גאס,
קוקט מיט אפענע אויגען; איהר קענט בלייבען אנ'אייביגער קאליקע, אדער גאר געפינען דעם טויט.
היט זיך. מען זאל אייך נישט איבערפאהרען!!

דער שאפער

(ענדע פון זייט 7).

גע לעבער, האבען ביידע פערלאפט דאס אייך מיט זייער פיינעם גלייכען וואוקס און מיט זייערע דינגע, קרעפטיגע קער-פערס, ווי זיי וואלטען געווען קינדער פון איין מאמע. ערנה האט ליכטיג גע-שמייכעלט מיט'ן פרישען נאסען גע-זיכט און זיך געלאזט לויפען צו דער קרעטשמע. און דער שאפער האט אזהר נאכגעקוקט א ווילע מיט די גרויע, לאכענדיגע אויגען, א שאקעל געטאן צו מיר פריינדליך מיט'ן געדיכטען קאפ האר, א זאג געטאן „אלראים" און איז אויך צו דער קרעטשמע.

מיט זון-אונטערגאנג האבען מיר זיך ווידער געזעצט און אויטאמאביל יעדער אויף זיין פלאץ און זיך געלאזט פאה-רען צוריק קיין ירושלים. ביז יריחו האבען מיר אלע דריי געשוויגען. יעדער איינער איז געזעסען פערטיפט און זיך, איבערגעלעבט די איינדרוקען פון דעם אויסערגעוועהנליכען פערגאנגענעם טאג, און יריחו איז מיט אמאל צוגעפאלען א פינסטערע נאכט. עס האט א בלאז גע-טאן אנ'אנגעגליטענער כאמסין-ווינט, און דער מדבר איז פערוואנדעלט געווארען אין א שטיק זודיגע פינסטערניש. דער שאפער האט אנגעצונדען די לאמטערנס פון'ם אויטאמאביל, און דעם פינסטערען ים האט זיך ארויינגעגאסען א העלער שטראם ליכט, געלאפען פאראויס, גע-גאפט דעם וועג צו א ווייטען ברעג. דער בעלויכטענער שטח אויפ'ן קאלכי-גען וועג האט געבלאנקט, ווי געפאלענער שניי. צווישענוויז, בעת די מאשין איז געלאפען רוישלאז, האט זיך געלאזט הע-רען פון ווייטען א יאמערליכער געוויין פון שאקאלען.

— מוסטער! — האט דער שאפער פלוצים איבערגעריסען די שטילקייט און זיך געווענדעט צו מיר פון דער קעלניע און א גוטען ווייכען טאן, — אזהר האט מורא?

— וואס איז דען? זאג איך. — אזהר האט עפעס א מוטעל קעגען מורא?

— האט קיין מורא ניט, ליבער מוס-טער! איך פאהר דא און די ערטער ביינאכט כמעט יעדע וואך. סיי די חוש-געריגע שאקאלען, סיי די ארומע בעי-דואינער, וואס פוטערן דא און דער מדבר זייער שאף, זיינען מיינע בעסטע גוטע פריינד.

אפגעוואוארט עטליכע מינוטען, האט ער גענומען רעדען אויף העברעאיש:

— די הערסט, ערנה? איך האב באמת חרטה, וואס איך האב א גאנצען טאג געהאלטען און איין זידלען פאר דיר אונזער אומשולדיגען אמעריקאנער. געבען, איך האב אזהם געזעהן פאר-נאכט, ווי ער איז אומגעגאנגען ביים ברעג ים א פערטרויערטער, האב איך מיר באלד געזאגט: ניין, עס קען ניט געמאלט זיין, אז א רייכער שנעידער זאל האבען אזא טרויעריגען פנים. עס קען זעהר זיין, אז ער איז א שנעידער, אבער רייך איז ער געוויס ניט... די ווייסט? איך האב ניט גוט געטאן, וואס איך האב בײ אזהם גענומען פאר דער נסיעה א טאפעלען פרייז.

ער האט אפגעשוויגען א קליינע ווייל און ווייטער גערעדט:

— ערנה! שולדיג איז דעם איז די נארישע מאנסבילישע אייפערזוכט... איך בין געווען צערייצט, וואס ער האט אוועקגערוקט פון מיר די אויגען גע-לעגענהייט צו זיין נאהענט צו דיר. אבער אצינד, נאכדעם ווי מיר בוידען האבען זיך געבאדען אין ים, איז מיר דאס הארץ אפגעגאנגען... ערנה! דאס באדען זיך אין ים האט אונז בוידען דערנעהנטערט אין קערפערליך, אין זעע-ליש, און איך וועל דאס ניט פערגעסען ביז מיין לעצטער שעה... דאס איז גע-וועזען דאס ערשטע מאל, ערנה, בשרע מיינע, וואס די האסט זיך אפגעדעקט פאר מיר פון דיינע קליידער. און דער גאנצער ריינקייט פון דיין יונגען גוף, און איך האב דערזעהן, אז ער פאסט זיך זעהר צו דיין ערלעכען געזונט און צו דיין ריינער נשמה. איך האב געזעהן דיינע יונגע אקסלען, דיינע רונצעלדיגע ארעמס, דיינע צארטע, קלארע נאטאק-טע הויפטען.. דיינע צוויי ברוסט, ערנה, האבען פערלאפט מיין אטעם, איך האב ניט געקענט קוקען אויף זיי, ווי אויף דער ליכטיגער זון... ערנה! גאט האט דיך בעשאפען און פולער פראכט, און ווען איך נעם אויף די געדאנקען, אז די פאהרסט אוועק פון דאנען און דער אלטער שטאט פראג, און דער שטאט פון דעם בערוהמטען „גולם", און וועסט דארט חתונה האבען פאר א גולם, וואס איז מיט גארנישט בערוהמט, און יענער וועט דיך בעהערשען, — ווינט און מיר שטיל דאס הארץ... ווער וועט זיין דיין מאן, ערנה? א באנקיר? א דאקטאר? אנ'אדוואקאט? אזוי צו אזוי — וועסט זיך לאמש דערמאנען און דיין חופה-נאכט, אויף דיין ליבע-נאכט, אן דעם משוגענעם שאפער פון ירושלים, וואס זיין הארץ איז פון דיר פערפאנגען געווא-רען זינט דער ערשטער מינוט?.. אוי, ערנה, ערנה!...

געטריבענע פון א שטארקען פערלאנג אויפצולעזען די רעטעניש, וואס דריקט מיך, האב איך פערריכערט א סיגארעט און מיט'ן שוועבעלע בעלויכטען דאס געזיכט פון מיין יונגער שכנה. יענע איז געזעסען צוגעטוליעט צום צוואמען ווינק קעל פונ'ם אויטאמאביל, געהאלטען פער-מאכט די אויגען, און מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז איך זעה אויף אזהרע ליפען א בעהאלטענעם, זיסען שמייכעל. פונ'ם ליכט האט זי געעפענט די אוי-גען, א שמייכעל געטאן צו מיר און גע-זאגט שטיל אויף ענגליש:

— ער פערשלעפערט מיך מיט זיינע רעד.. מיט זיין אנגעגעסער שטים!..

דער שאפער האט אויסגערעהט דעם קאפ צו אונז און אויטאמאביל און האט זיך צעבייזערט:

— וואס פאר סודות זיינען דארט בײ אייך, ערנה! עס איז ניט שעהן, וואס מאכען גייען סוד'ען זיך הונטער דעם שאפער'ם פלוצעם!...

און גלייך נאכדעם האט ער ווייטער גערעדט מיט'ן פנים צום וועג:

— האסט קען פעראיבעל ניט, ערנה, וואס איך האב מיך ניט געקענט בעהער-שען און זיך אנגעבייזערט אויף דיר... מיין הארץ איז זעהר צערודערט היינט מיטאג געווען... איך קוק אין דעם פינס-טערן גורל פון מיין לעבען, ווי אט און דער פינסטערניש פון דעם מדבר-סעלע, וואס פאר מיר... ווער ווייסט — אפשר וואלט מיר געווען פיל בעסער, ווען איך זיץ דארטען מיט דיר אונזאיינען אינ-ווענג און דער קאראטע, אמדער צו זיי-צען דא איינער אליין אויף דער קעלע-ניע און זיין בײ דיר א שאפער?.. און מיין ניט, ערנה, אז איך פאל בײ זיך אראפ מיט מיין ארבייט, חס וחלילה! איך בין שמאלץ מיט מיין אויסדער-וועהלטער ראלע, די ראלע פון א שא-פער! איך האב ניט בעגרענצט מיין ארבייט אויף א בעשטימטען שטיקעל ערד, אויף אפגעמאסטענע פאר איילען — דאס גאנצע לאנד איז מיינס! איך דין מיין לאנד פליהענדיג. איך בעהערש און אויף מאג אלע זיינע בערג, אלע זיינע טהאלען, אלע פערוואורפענע ווינקלען, אלע ליפמונג פונקטען — איך מיט מיין מאשין, איך, דער שאפער!... לאמיר מיך מאכען מיט מיין מאמע האבען קיינמאל זיך ניט פערגעשטעלט, אז עס וועט קומען א טאג און איך וועל זיין א בעל-עגלה און דער הוליגער שטאט ירושלים... די ראזינגע רייגע, הוליגע נשמות, וואס זענען אונש געשיצט און גאט'ס שאטען, האבען עהרליך גע-גלויבט, אז איך וועל זיין א דאקטאר, אנ'אדוואקאט, צו אפשר גאר א באנקיר, ווי יענער פראגער גולם דיינער... און איך עלעזן האט און מיינע יונגע יאהרען געטריבען שרעקען גראמען, נאך יהודה הלוי און ביאליק זיינען מיר פערלאפען דעם וועג... און א קליין שוועסטערל האב איך געהאט, איז זי געווען נאך שענער און קלוגער פון מיר, ליכטיג ווי די זון... נאר ווייפיל מאל האב איך דיר שוין גע-זאגט, ערנה, אז אט די אלע זאכען דארף מען פערגעסען, פערגעסען, פער-געסען!...

און פלוצים האט ווידער ער שאפער צע-זונגען און דער פינסטערניש פונ'ם מדבר און זיין פולער באריטאן-שטים, הויך, יאמערדיג, מיט'ן אלטען, טרויעריגען איכה-ניגון:

אלי ציון ועריה,
כמו אשה בצירה,
וכבתולה חגורת שק!...

און האט באלד איבערגעריסען און זיך אנגערופען צו מיר אויף יודיש:

— מוסטער! אזהר האט שוין אמאל געהערט אט די אפערע און אמעריקא?..

און איז אנטשוויגען געווארען, מעהר ניט ארויסגעלאזט קיין ווארט דעם גאנ-צען וועג, ביז ער האט מיך געבראכט צו פיהרען צו מיין אכסניה און ירושלים.

שפעטער מיט א וואך, שפאצירענדיג פערנאכט אויפ'ן ברעג ים און תל-אביב, האב איך דעם שאפער ווידער אמאל בעגעגענט. ער איז געשטאנען אויפ'ן נא-סען זאמד, נאהענט בײם וואסער, זיך פערשטעלט מיט דער האנט די אויגען און געקוקט ווייט צום עק הימעל, וואס האט רויט געפלאקערט און זון-אונטער-גאנג. איך בין צוגעגאנגען צו אזהם און אזהם אנגערודערט בײם אקסעל.

— אה, מוסטער! — האט ער זיך א קעהר געטאן צו מיר מיט א שטראהלענ-דיגען געזיכט. — אזהר זאגט נאך ניט אוועקגעפאהרען צוריק קיין אמעריקא?

— ניין, — זאג איך, — איך בין אבער די טעג געווען און יפו'ער פארט און האב דארט געזעהן ערנה'ן, ווי זי האט זיך געזעצט אויף א שיף קיין טריעסט.

— און ווייס, — זאגט ער, — אז האט זי געבראכט אחער פון ירושלים?

— פארוואס זשע זאגט אזהר ניט געקומען צום פארט זי בעגלייטען?

ער האט אויף מיר אויסגעשאסען א פאר אויגען.

— בעגלייטען? — זאגט ער. — אט פון דען אזהרער א קרוב?

— וואס הייסט? — זאג איך, — און דאס, וואס אזהר האט צו אזהר גע-רעדט דעם גאנצען וועג?...

— וואס האב איך, א שטומער, גע-רעדט צו אזהר? — פרעגט ער און רעגט אויף זיין באק האט זיך פלוצים אנגעקלמורעט. — וואס... אזהר האט פערשטאנען?

— איך האב פערשטאנען אויפ'ן ווארט.

ער האט מיך א ווילע אנגעקוקט מיט וואונדער, מיט א פערלעגענעם שמייכעל, געווען איבעראשט.

— אזוי נאר?... הערסט א מעשה. עס איז מיר אבער גארניט איינגעפאלען... האט אזהר, הייסט עס, פער-שטאנען אלצדינג, וואס איך האב דאר-טען געפלאפלט?

— איך מיין, אז אזהר האט ניט גע-פלאפעלט.

— איך האב יא געפלאפלט! — זאגט ער פעסט, מיט א בייזער. און מיט אמאל נעמט ער מיך א נעם בײ דער האנט, קוקט אויף מיר א ווילע און מאכט מיר מיט אנ'איבערגעשראקענעם פנים: — ווארט נאר, מוסטער, אפשר... האט זי אויך פערשטאנען?

— ווער ערנה?

— ניט ערנה — זי הייסט העדוויג! א נארישער דייטשער נאמען, וואס פאסט אזהר גארניט צום פנים! אבער... אבער... אפשר האט זי אויך פערשטאנען? אויב מען פערשטעהט העברעאיש און אמעריקא, קען דאך געמאלט זיין, אז מען פערשטעהט אין פראג?...

Grand-Kino — היינט און ווייטערע טעג דער קאנקורענט פון דוגלעס פייערבענקס די בעוואוסטע **Bebe Daniels** אין די וואונדערבארע קאמעדיע פון סטודענטען-לעבען אין אמעריקא **„די, וועלכע שלאגט רעקארד"** ארקעסטער אינטער דער לייטונג פון ר. קאנטאר.

LUNA — היינט און ווייטערע טעג איינער פון די שענסטע מזרח-פאעמאטען א. ג. **די מוזעלמאנקע** (דער ראמאן אין הארעם) אין די הויפטראלען די וואונדערשעהנע **Hugnette DUFLOS** און דער אוגפערגלייכליכער **LEON MATHOT** פרעכטיגע מוזיק-אילוסטראציע פון סימפ. ארק. לייטונג פון א. טשודנאווסקי

היינט און טעגליך! **„די פרעהליכע מלחמה"** דער הערליכער פילם רעזשיסירט פון ע. קלינע. אין די הויפט-ראלען: **Douglas Mac Lean** דער בעריהמטער שוישפילער פון פילם „דער גנב פון דמשק" ווי אויך די לאנג שוין ניט-געזעהענע — **Shirley Mason**. סימפאנישער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' ש. בייגעלמאן. בעמ.: פרייזען פון די פלעצער אויפ'ן ערשטען סעאנס 50 גר. און 1 זל. אנהויב און די וואכען-טעג 4.30. — שבת, זונטאג און חגאות 2.30 נאכמ.

APOLLO קאנסטאנטינער 16 — היינט און ווייטערע טעג — די שענסטע בעליבטע פון עקראן — **GRETA GARTO** אין מעכטיגען דראמע פון ליבע און אפפערוויליגקייט **דער פלאם פון ליבע**. א געשיכטע פון א רוסין א שפיאן, וועלכע האט מיט איהר שענהייט ארייננגעצויגען אין אנ'אינטריגע אנ'עסטרייכישען אפיציר. אין דער ראל פון עסטרייכישען אפיציר **Conrad Nagel**. דער פילם איז אילוסטרירט מיט סאלאן און כאר-געזאנגען, אויסגעפיהרט פון אנ'עסטרייכישען כאר

Dr. med Adam BENDER האט זיך איבערגעצויגען אויף נארוטאוויטשא 30 טעל. 14-75. ספעצ. פאר אינערליכע און הארץ-קראנקהייטען. 0085 נעמט אן פון 5—7 נאכמיטאג.

Dr. med. M. Heller ספעציאליסט פאר הויט- און וועגערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכע. נאווראט 2, טעל. 79-89. נעמט אן ביז 10 פריה, און פון 4—8 אווענד. פאר פרויען פון 4—5 נאכמ. פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע פרייזען.

פעלד-בעטען לעזשאסעס און קינדער-שפיהל פון פירמע **„OMEGA"** מיט לאנג-יעהריגער גאראנטיע. פאבריק: לאדז, יוליושא 4. צו פערלאנגען אין אלע מעבעל-לאגערס. הורט — דעטייל.

אכטונג ה"ה קאפיטאליסטען! דאס הויז אויף פולנאצנא גאס נומער 4. היפאטעק-נומער 297, ווערט פערקויפט אויף אנ'עפענטליכער ליציטאציע ד. 10. ליפיעץ ה. י. 11 פארמיטאג אין קאנצעלאריע פון דער היפאטעק אויף פאמארסקא 21. די בעדינגונגען קען מען נאכזעהן אין דער היפאטעק-קאנצעלאריע. מיט אכטונג ס. כאהן. יורש פון אויבענדערמאנטען הויז.

א געשעפטס-לאקאל אין צענטרום פון פיעטריקאווער גאס מיט מעלשטענדיגער איינריכטונג פון זאפארט איבערצוגעבען. צו ערפארען פיעטריקאווער 82 קראקאווסקי

צו פערמיטען א געשעפטס-לאקאל א גרויס צימער מיט 2 פענסטער און באלקאן מיט א בעזונדערן איינגאנג, 1-טען שטאק, קווער אפיצינע, צעגעלניאנא 26 וו. 26, טעל. 36-13. ערקונדיגונג ביז 10 פריה און פון 9—10 אווענד

קוואליפיצירטער **צושניידער פון טריקא-וועש** זוכט א פאסטען אויף שטענדיג, עווענטועל אויף שעה'ן. אפערטען אונטער „צושניידער" אין אדמ. פון „לאדזער טאגעבלאט".

עלטסטער פעלדשער **מ. ראזענצווייג** וסכאדניא 29 טעל. 79-48. טעגליך ווערט געשטעלט פאקען מיט ציינגישען דרוק.

אין דער 7-קל. שולע פון ש. זיעלאנקא וסכאדניא 68/70 ווערען אנגענומען שילער און ווערען פארגעבערייט אין אלע הינע מיטעל-שולען.—א ספעציעל בצוויכט ווערט געלייגט אויף העברעאיש און די יודישע למודים. בעמערקונג: אדורכגאנג דורך פיעטריקאווער 44 און 46.

מעכאנישע שלאסעריי און שווייסעריי **J. REDER, Łódź** Konstantynowska 11 (róg Zachodnia) נעהמט אן פערשידענע מאשינען-רעפעראטורען ווי צופאסען פערשידענע מאשינען-טיילען. און אויטאגענישע שווייסונגען. **אכטונג שטריקער!** איך שטעל צו פישען מיט מעסטערס פון 30 זל. און רעיעלע אויספיהרונג. פריוואט-וואוינונג גד נסקא 20 וו. 17.

היפאטעק-געלד צו ביליגע צינזען אויף בערלינער הייזער בעזארגט שנעל **Ch. Regenwetter** Berlin S. 14, Stallschreiber № 33 Telefon: Dönhoff 4337.

אנאנסען איז **„לאדזער טאגעבלאט"** האבען דעם גרעסטען ערפאלג

ליי-ביבליאטעק א. נ. **א. אייזענשלאס** פאלודניאווא 11, לינקע אפיציגע 3 שטאק. די ליי-ביבליאטעק איז טעטיג טעגליך חוץ דינסטאג פון 6—9 אווענד, שבת פון 10—1 און 6—9 אווענד.

8-קלאסיגע רעליגיעזע מענער-גימנאזיום פון דער געזעלשאפט **„תורה ודרך ארץ"** אין לאדז, צעגעלניאנא 60, פראנט II. שטאק. די דירעקציע איז מודיע, אז די עקזאמענס פאר נייע שילער הויבען זיך אן ד. 26 מאי (ט"ו אייר) 9 פריה. איינשרייבונגען נעמט אן די קאנצעלאריע טעגליך פון 9—1.

טשארניעצקא-גורא אכטונג!!!!!!!! דער בעוואוסטער לאנגיעהריגער כשרער פענסיאנאט **„ווינטערטעטער"** אויף **טשארניעצקא-גורא** איז געעפענט. — איינגענע ווילע. בעריהמטע קוך, — שנעלע און פינקטליכע בעדינונג. — הערליכע שעהנע אייגענע צימערן. — מעסיגע פרייזען. דאנסינג! ראדיא! קאנצערט! אינפארמאציעס בריפליך: Pensjonat Wajntreter, Czarniecka-Góra poczta Stąporków. בעמערקונג: בעטגעוואנד אונבעדינגט מיטצוברענגען.

קלויזולעס — און — **זאבעזפיעטשעניעס** אויף אלע שטעט אין פוילען ערלעדיגט אמשנעלסטען דאס רעכטס-קאנסולטענטען-ביורא „ארגוס", 36 זאכאדניא 36

לעזט און אבאנירט — דאס — **לאדזער טאגעבלאט**

עמפּפעהלט די גרעסטע און רעעלסטע מעבעל-פאבריק
MARKOWICZ i NASIELSKI
PIOTRKOWSKA 6, Południowa 10, טעל. 49-71 :פאבריק

מעבעל
דעם גרעסטען מעבעל
און עלעגאנטעסטען אויסוואהל פון
שלאף-צימער, עס-צימער סאַלאָן-צימער
קאמפּלעטע איינריכטונגען, ווי אויך איינצעלנע שטיק-מעבעל
אמביליגסטען. און אויף בעסטע בעדינגונגען

JOANNA D'ARC
(די יונג-פרוי פון ארלעאנס)
היינט און ווייטערע טעג! — אין די הויפּט-ראָלע — Simonne Genevois
נאָכפאָלגענדער פּראָגראַם: „דאס הארץ איז נישט קיין משרת" אין די הויפּט-ראָלען: BILLE DORE i LLOVD HUGHES
בעמערקונג: דאס קינא איז גארטען — אחוץ אונטערשיד אויפ'ן וועטער.

KINO
SPOŁDZIELNI
Sienkiewicza 40.

פון היינט דינסטאג, דעם 4-טן יוני
זאביא, דעם שייך'ס טאכטער (פּאַטעטישע סימפּאָניע)
Michel Verly, George Carpentier i Olga Day
אויסערגעוויינליכע פערשירענארטיגע אַקציע, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין אַפריקע און פּאריז. — אין די הויפּט-ראָלען:

קינא
ZACHĘTA
26 זגערזשער 26

DYREKCJA
Szkoły Przemysłowej Tow. Szerz. Ośw. i Wiedzy techn. wśród żydów
w ŁODZI, Pomorska 46/48.
מאַכט בעקאַנט, אַז איינשרייבונגען פון קאנדידאַטען אויפ'ן 1 קורס פון די אָפּטיילונגען מעכאַנישע, עלעקטראָטעכנישע, וועבעריי ווערען אָנגענומען, ווי אויך אַלע אַרט אינפאָרמאַציעס ערטיילט די קאנצעלאַריע פון דער שולע יעדען טאָג פון 10 ביז 14.

לעטשניצט
פון דאקטוירים-ספּעציאַליסטען
און צאָהן-ערצטליכער קאַבינעט
17 זגערזשער 17, טעל. 16-83.

פון 1-10, 2-3, 6-7	נאָז-, האַלז, אויערען-קר.	ד"ר ראמאַוויסקי
פון 12-	נערווען-קראַנקהייטען	ד"ר יוסטמאַן
10-11, און 1-2 נ.מ.	הויט און גע-שלעכטס-קר.	ד"ר רוזשאַנער
10-1, 2-5	קינדער-קראַנקהייטען	ד"ר ראַזענצווייג
1-12½, 5-6	פרויען- און געבורטס-הילף	ד"ר פאַפּיערני
1-2, 7-8	אויגען-קראַנקהייטען	ד"ר גאָלדשטיין-פּאָלאַק
1-2, 4-5	כירורגישע קראַנקהייטען	ד"ר מאַנטאַר
11-1, 6-7	אינערע, ספּעצ. הערץ, לונגען	ד"ר וויינבערג
10-12, 4-6	רענטגען	ד"ר סטופּעל
8-9, 3-9	צאָהן- און מויל-קראַנק.	צאָהן-ארצט א. גראַדזענסקי / צאָהן-ארצט נ. ראַזעס

סינוסאָליפע האָהפּענזאַטע-בעשטראָהלונג. פּאַנדיש טעלע
ביי דער לעטשניציע איז געעפענט געוואָרען
א רענטגען-אינסטיטוט
קאַמער - לאָמפּע, דיאַטערמיע און עלעקטראָ-פיזישע קאַבינעט.
וויזיטען אין דער שטאָט. מען עפענט אויך זונטאָג.
אַלע אַרט מעדיצינישע אַנאַליזען. — קורען פאַר סטאַטלער אימפּונגען געגען שפּראַצנג.
ערצטליך-קאָסמעטיש-קאַבינעט.
פרל. ט. מאַרקוס נעמט אָן פון 5-7 אָוונט.

פּערלאַנגט
אַנאָנימיסטע דעמאָנסטרירונג
פון סימענס עלעקטרישע אָפּשטויבער
אין פּראַטעריר-בערשטען פון דער מאַרקע
„PROTOS"
פּעטריקאָווער 96 :—: טעל. 11-63.

אויפרוף צום געעהרטען פובליקום
אזוי ווי די צייט איז היינט זעהר קריטיש און מיר צייטונג פער-קויפערס מוזען צאָהלען פאר די צייטונג אַלע טאָג בעטען מיר די געעהר-טע פובליקום נישט צו קוועלען די אַרימע צייטונג פערקויפערס מיט געלד נור צאָהלען אַלע וואָך פאר די צייטונג געגענפאַל וועלען מיר זיין גע-צוואונגען אָפּצושטעלען די צייטונג.
גלייכצייטיג פאָדערן מיר פון אַלע צייטונג פערקויפערס, אַז ווען מען וועט זיין געצוואונגען אָפּצושטעלען א קונד איבער געלד זאָל קיין צווייטער צייטונג פערקויפער נישט אריין טראָגען קיין צייטונג דעם זעל-בען קונד און געגענפאַל וועלען מיר זיין געניטם לויט די סטאַטוטען אָפּ-צושטעלען איהם פון האַנדעל.
מיט אכטונג
די פערוואַלטונג

וויכטיג פאַר די, וואָס פאָהרען אויף אורלויב!
ווילט איהר אייער אורלויב גוט פערברענגען? ווילט איהר האָבען אנגענעהמע גוזעלשאַפט? פאָהרט אויף אָפּרוה נאָר אין בעוואוסטען!
פענסיאָנאַט
„WYGODA"
St. GŁOWNO, Polenice. Wila Misiaka obok Nowego Otwocka w lesie
גרויסע זוניגע צימערן, כשר'ע, היגיענישע קיך, שעהנע געגענד. קאָנקורענץ-פרייזען—30% ביליגער ווי איבעראַל;
בעמערקונג: בעטגעוואַנד איז נויטיג מיטצוברענגען.
צו ווענדען זיך דירעקט צו פרוי אפעל אין פּענסיאָנאַט „וויגאָדאַ"
אין לאָדז ערטיילט אויסקונפט: אפעל, זאַוואַדזקאַ 23, אין הויף, 2-טען איינגאַנג, לינקס, פּאַרטער.
(vertical at side:) פאַר יוגענדליכע און דערוואַקסענע —

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאקטוירים ספעציאליסטען
זאַוואַדזקאַ 1.
נאָר פאַר וועגערישע הויט-קראַנקהייטען און מענער-שוועכע אַנאַליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער קאָנסיליומס מיט ספּעציאַליסטען פון אוראָלאָגישע און נערווען-קראַנקהייטען.
קוואַרץ לאָמפּ-עלעקטרישער הייל-קאַבינעט-קאָסמעטיק
טעטיג פון 8 א זייגער ביז 9 אָוונד
זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג
בעזונדער וואַרטע צימער פאַר פרויען
וויזיט 3 זלאָטעס

לאַמפּען
פיר שפּייז-צימער סאַלאָן-קאַבינעט שלאָף-צימער
קויפט זיך אַמבעסטען און פאַבריקס-לאַגער ביי
Sz. P. Szmalewicz
פּאָלודניאָווא 8, טעל. 39-64
מערען צוגענומען רעפּאַראַטורען אומאַרבייטונגען, אָקסידירען.

„WIEDZA" מעדכען גימנאַזיום
וואָסקאָדניאַ 62 — טעל. 38-75
אַנמעלדונגען פון ניי-איינטרעטענדע שילערינס פאַר די אינטערנאַט-קלאַסען אויך פאַר די I—VIII נעמט אָן דער סעקרעטאַריאַט טעגליך A. B. C. פון 10—1, 5—7. בעם גימנאַזיום ווערט געעפענט א פרעבעל-שולע.
Dyrektor (—) B. JUDELEWICZ.

Gimnazjum Żeńskie
Eug. Jaszuńskiej-Zeligmanowej
POŁUDNIOWA 18.
א „קינדער-גאַרטען" איינשרייבונגען פון נייע שילערינס טעגליך פון 12-2 און פון 5-7 נאָכמ. ביים גימנאַזיום לויט'ן סיסטעם פון פּראָפ. מאָנטעסאָרי.

עלטערן!
אין מיין לאַנג חדר שולע וועלען אָנ-געזיכטירענדע געגומען קינדער וואָס לערנען אין פאָוושעכנע-שולען צו לערנען: חומש, רש"י, נ"ך משניות, גמרא, היסטאָריע, רעדען און שרייבען העברע-איש, אויך יודישע גריה זעלבסט צוזאַמענ-שטעלען, ס'ווערן אויך אָנגענומען אנפענגער פון 5 יאהר אן, ווי ס'ווערט אין פערלויף פון 5 חדשים אויסגעלערנט גרינדליך עברי, א שטרענג רעליגיעזע ערציהונג! צוגענגליכע פרייזען!
מנהל יחיאל דוד ראזענפעלד
פלאַץ-וואָלנאשטשי (נייע שטאַט) 6
קוועד אָפּיצינע רעכטס II שטאָק

קנה חכמה קנה בינה ואל תט מאמרי פי
אז דו דאַרפסט ערלעדיגען סאנדראָווע זאכען זאָלסט דו גלייך קומען צו לויפען אין ביוראָ
17 פּיעטריקאָווער 17
52 זאַכאַדניא 52
אז תלך לבטח דרכך
ווייל אין ביוראָ ביי ה' מאַנעלאַ ווערט גע-וויסענהאַפט ערלעדיגט און געשריבען אַלע סאַנדאַוועס זאַכען, ביטעס, קלאַוזולעס, זאַבעז-פּיעטשעניעס אויף אַלע שטעט אין פּוילען, קאַרנע און ציוויל אפעלאַציעס, אַדוואָלאַניעס אונטערציזיעס, ספּעציאַליסט פון שותּפות-אַקטען, איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען!
מיט אַכטונג
י. מאַנעלאַ פּיעטריקאָווער 17
דורכגאַנג זאַכאַדניא 52

Sklep
łącznie pokoje z kuchnią ul. 6-go Sierpnia, dwie minuty z Piotrkowskiej do odstąpienia. telef. **67-69**

וויכטיג פאַר דאַמען!
מאַכט איך די עלעגאַנטסטע דאַמען-היטע נאָך דער לעצטער פּאַריזער מאָדע און די עלטעסטע היטע איבער-אַרבייטע איך אויף בענצליך ניי. געדענקט די אַדרעס:
23 זאַוואַדזקאַ 23
אין הויף. 2-טען איינגאַנג, לינקס פּאַרטער.
בעמ. צום יעצטיגען סעזאָן ווערט געמאַכט אַלע שטרוי-היטען, פילץ מיט שטרוי און זיידענע היטען צו שפּאָט ביליגע פּרייזען — — — נאָר פאַר
פאַר נאָר 2.50 זל.
5 זל.
„TOLA"

Miejski Kinematograf Oświatowy
Wodny Rynek, Tel. 18-26.
Od dn. 5 czerwca do 10 czerwca 1929 r.
Dla dorosłych:
DZIEWCZĘ z LUDU
W rolach głównych: **Harry Liedtke Xenia Desny i Livio Pavanelli**
Nad program:
Wyższa szkoła sportu tennisowego
Dla młodzieży:
Zwycięzcy i Zwyciężeni
(Brzegiem Nilu aż po Kongo)
Obraz ilustrujący obyczaje i prace murzynów, polowanie na krokodyle, lwy, słonie, życie ptactwa afryk. i t. d.
Nad program:
Niebezpieczeństwo wielkiego miasta.
Groteska w 2 akt. grana przez zwierzęta

HEMOROIDY

HEMORIN KLAWE

אלע סוחרים מוזען וויסען,
אַז דאָס בעסטע מיטעל געגען באַנקראָטען און פּראָטעסטירטע וועקסלען, איז צו ווענ-דען זיך אין די בעריהמטע ביוראָ סאָנדאָווע
„ווערימאס" (גייער'ס מארק.) שגאַוואָסקאַ 12
פראַנט-לאָקאַל. וואו אַלע חובות ענינים פון פּראָ-טעסטירטע וועקסלען ווערען שטרענג בעהאַנ-דעלט און פון דער ביוראָ געזיכערט און גאַ-ראַנטירט. דאָס ביוראָ שיקט אַרויס איינגענע בעגשען אויף דער פּראָווינץ אין גאַנץ פּוילען. דאָס ביוראָ ערלעדיגט אויך אַלער אַרט ביט-שריפטען אין אַלע רעגירונגס-אינסטיטוציעס.
בעמ.: פאַר די שטאַטישע קונדען צאָהלען מיר צוריק פאַר טראַמוואַי-הוצאות.

אבאָנאַמענטס-פּרייז: פאַר א חודש אין לאָדז 6 זל. אין פּראָווינץ ... אַנאָנסען-פּרייז: פאַר א פּעטיט-שורה ... פאַר אויסלענדישע אַנאָנסען 100% טייערער ...
Redaktor-wydawca R. Hamburski
Tłocznia: H. i M. Hamburskich w Łodzi, Piotrkowska 14.